פּאַול לאַפאַרג.

די רעליגיאָן פון קאַפּיטאַל.

פערלאַג „די וועלט“.

פּרייז 10 קאָפּ'.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

367

ווארשא.
„פערלאַגס־דרוקעריי“, פּאַנסקאַ 20.
תרס"ו.

פערלאג „די וועלט“

עס זיינען ארויס פון דרוק:

1) ד. פינסקי—היינטיגע יונגע לייט (מאנאלאג) . . פרייז 1 קאפ׳
2) ה. ד. נאמבערג און ד. פינסקי—ערב יום כפור
מען וועקט . . . . 2 „
3) ד. פינסקי—די פאמיליע צבי . . . . . 12 „
4) מ. דיקשטיין—פון וואס איינער לעבט . . . 5 „
5) מ. שיפעל—די עקאנאמישע איבערקעהרנישען און
די ענטוויקלונג פון דער סאציאלדעמאקראטיע . 5 „
6) לעווין—אין א פינסטערער נאכט (ערצעהלונג) . . 2 „
7) פ. יושקעוויטש—וועגען וואהלרעכט . . . . 7 „
8) *.*—דער קליינבירגערליכער סאציאליזמוס אויפ׳ן יודי-
שען באדען . . . . 4 „
9) *.*— ערצעהלונגען אויס דער געשיכטע פון דער
ערשטער פראנצויזישער רעוואלוציע . . . 6 „
10) ק. קאוטסקי—דאס ערפורטער פראגראם . . . 30 „
אין 6 העפ- „ „ „ „
טען, יעדעס העפט . . . . 5 „
11) בעללאמי—אין הונדערט יאהר ארום . . . . 25 „
12) פ. לאסאל—רעכט און מאכט. (דער עיקר פון א קאנסט.) . 6 „
13) די ארבייטער און די געזעלשאפטליכע
קלאסען (דאס ארבייטער פראגראם) . . . . 8 „
14) פ. עזים—צדקה (ערצעהלונג). . . . . . 2 „
15) ק. קאוטסקי—קאנסום-פעראיינען . . . . . 6 „

פאול לאפארג.

די

רעליגיאן פון קאפיטאל.

פערלאג „די וועלט".

ווארשא.

1906.

ДИ РЕЛИГІОНЪ ФУНЪ КАПИТАЛЪ т. е. ПОКЛОНЕНІЕ ЗОЛОТУ.

Сочиненіе Пауля Лафарга.

„Издательская Типографія", Варшава, Панская № 20.

Дозволено Цензурою.
Варшава, 17 Января 1906 года.

די רעליגיאָן פון קאַפּיטאַל.

I. די לאָנדאָנער אסיפה.

די פאָרטשריטען פון סאָציאַליזם האָבען אַרויסגעוואָרפען אַ טויטט-שרעקעניש אויף די הערשענדע קלאַסען פון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ. מיט אַ פּאָר חדשים צוריק זענען זיך צונויפגעפאָהרען מענשען פון אַלע ציוויליזירטע לענדער און האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אויף אַ אסיפה אין לאָנדאָן, כּדי צוזאַמען אויסצוגעפינען שטאַרקע מיטלען מיט וואָס צו פערהאַלטען די געפעהרליכע פאַרפלייצונג פון די סאָציאַליסטישע אידעען. צווישען די פאָרשטעהער פון דער קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַזיע פון ענגלאַנד באַמערקט מען דעם קאָנסערוואַטאָר לאָרד סאָלסבערי, דעם ליבעראַל גלאַדסטאָן, די געלערנטע הערבערט ספּענסער, האַקסליי, דעם קאַרדינאַל מאַננינג, דעם רב אַדלער. דער פּירסט ביסמאַרק, וועלכען עס האָט אָבגעהאַלטען אין דער היים זיין געוואָהנליכער הולאַת פון שכרות, האָט געשיקט זיין בעל-סוד און עצה-געבער, דעם יוד בלייכרעדער. די גרויסע פאַבריקאַנטען און פינאַנסיסטען פון ביידע וועלטען, פון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ: וואַנדערבילט, ראָטשילד, גולד, פּאָפּאָוו, מאַראָזאָוו, קרופּ, באַראָן שטום, שניידער, זענען אָדער אַליין בייגעוועזען, בכבודם ובעצמם, אָדער זענען געוועזען פאָרגעשטעלט דורך זייערע נאֶמנים און משולחים. מען האָט נאָך קיין מאָל ניט געזעהען מענשען פון פערשיעדענסטע מיינונגען און נאַציאָנאַליטעטען זאָלען אַזוי ברידערליך און פריינדליך זיך צונויפגעהען און אויפטראָגען. דער נאַטור-פאָרשער און פריידענקער פּאָל בער זיצט נעבען דעם ראַבינער צדוק-כּהן, טשעמבערליין, דריקט די האַנד דעם פיהרער פון די אירלענדישע נאַציאָנאַליסטען פּאַרנעל, דער ראַדיקאַל קלע-

מאַנסאָ פִיהרט אַ געָשפּרעָך מִיט דעָם קאָנסעָרוואַטאָר פּעָררִי אוּן דעָר דײַטשעָר קרִיגס־מִינִיסטר פאָן־מאָלטקעָ שמוּעסט פרײַנדלִיך מִיט דעָם פראַנצוֹיזִישעָן אַנטִיסעָמִיט דעָרוּלעָד אוּן דעָם דרײַפוּזאַר רײַנאַך וועָגעָן דעָר מעָגלִיכקײַט פוּן אַ נײַעָר מלחמה צווִישעָן פראַנקרײַך אוּן דײַטשלאַנד.

דִי גרוֹיסעָ ווִיכטִיגקײַט פוּן דעָר אוּרזאַכעָ, וואָס האָט זײ דאָ צוזאַמעָנגעָקלִיבעָן, האָט געָווִירקט, אַז זײ זאָלעָן פעָרגעָסעָן זײעָר פעָרזעָנלִיכעָ פײַנדשאַפט, זײעָר פאָלִיטִישעָ פאַרשִידעָנקײַט אוּן זײעָרעָ פאַטריאָטִישעָ קנאָה אוּן שׂנאָה.

דעָר שלִיח פוּן פאַפּסט האָט דעָר עָרשטעָר געָנוּמעָן דאָס וואָרט:

—רבותי, אִיבעָר מעָנשעָן הערשט מעָן, ווען מעָן בעָנוּצט זִיך דאָס מִיט דעָר גראָבעָר מאַכט פוּן קוּלאַק, דאָס מִיט דעָר אײדעָלעָר מאַכט פוּן אִידעָעָן. דִי רעָלִיגיאָן אִיז אַ מאָל געָוועָן דִי כּישוּף־דִיגעָ מאַכט, וועָלכעָ האָט געָהערשט אִיבעָר דעָם געָדאַנק פוּן מעָנשעָן; זי האָט געָלעָרעָנט דעָם אַרבּײטעָר, אַז עָר זאָל זִיך געָהאָרכזאַם אוּנטעָר־געָבּעָן אוּנטעָר זײנעָ הערשעָר, אַז עָר זאָל אַרוֹיסלאָזעָן דעָם בּיסעָן פוּן מוֹיל צוּליעָב דעָם צווײטעָן, אַז עָר זאָל געָדוּלדִיג אִיבּעָרטראָגעָן דִי צרות אוּן יסוּרים פוּן דעָר וועָלט, חלוֹמ׳דִיג וועָגעָן „לִויתן“ אוּן „שוֹר הבּר“, וואָס עָר וועָט בּעָקוּמעָן אוֹיף יעָנעָר וועָלט... אָבּעָר דעָר סאָציאַ־לִיזם, דעָר שׂטן מקטרג פוּן דעָר הײַנטִיגעָר צײַט, טרײַבּט אַרוֹיס דִי אמוּנה אוּן וואָרצעָלט זִיך אײַן אָנשטאָט אִיהר אִין דִי הערצעָר פוּן דִי אבִיוֹנים; עָר דרשנ׳ט זײ, אַז מעָן דאַרף נִיט משלה זײַן דעָם גלִיק עָרגעָץ אִין אַ יעָנעָר־וועָלט; עָר אִיז זײ מוֹדיע, אַז פוּן דעָר עָרד וועָט עָר מאַכעָן אַ גן־עדן; עָר שרײַט צוּ דעָם אַרבּײטעָר: מעָן בּאַ׳גנבֿ׳עָט דִיך! קוּם, שטעָה אוֹיף, קעָמפף!“ עָר גרײט צוּ דִי אַרבּײטעָר־מאַסעָן, וועָלכעָ זעָנעָן פריִהעָר געָוועָן אַזוֹי געָהאָרכזאַם אוּן אוּנטעָרגעָוואָרפעָן, צוּ אַנ־אַלגעָמײנעָם אוֹיפשטאַנד, צוּ אַ מרידה, וועָלכעָ וועָט הרוֹב מאַכעָן דִי צִיווִילִיזִירטעָ געָזעָלשאַפטעָן, פאַרנִיכטעָנדִיג דִי פּריווִילעָגִירטעָ קלאַ־סעָן, מאַכעָנדִיג אַ תּל פוּן דעָם פאַמִילִיעָן־לעָבּעָן, אָבּנעָהמעָנדִיג פוּן דִי רײַכעָ זײעָר גוּטס כּדי אִיהם אִיבּעָרצוּגעָבּעָן צוּ דִי אָרעָמעָ, אָבּשאַפעָנ־דִיג רעָלִיגיאָן אוּן קוּנסט, פאַרשפּרײטעָנדִיג אִיבּעָר דעָר וועָלט דִי פִינ־סטעָרעָ שאָטעָנס פוּן בּאַרבּאַרײ... ווִי צוּשלאָגט מעָן דִי שׂוֹנאים פוּן דעָר גאַנצעָר צִיווִילִיזאַציעָ אוּן פוּן דעָם גאַנצעָן פאָרטשרִיט? מִיט וואָס פאַר

אַ כלי־זין זאָל מען אַרויסטרעטען געגען דעם סאָציאַליזם ? — דעם פֿירשט ביסמאַרק , דעם הערשער און פשרה־מאַכער פון איראָפּאַ , דעם נבוכדנצר , וועלכער האָט איינגענומען דענעמאַרק , עסט־רייך און פראַנקרייך , איהם האָבען די לאַטוטניקעס־סאָציאַ־ליסטען גוט געוועזן ! די קאָנסערוואַטאָרען פון פראַנקרייך האָבען אין די יאָהרען 1848 און 1871 אויסגעקוילעט מעהר סאָציאַליסטען , איידער ווי פיל אַפּיקורסים מען האָט אויסגעהרג'עט אין דעם טאָג פון היילינגען בארטאָלאָמיי : און די בלוט פון דיזע מורא'דיגע שחיטות איז ווי אַ דערפרישענדער טוי , וועלכער מאַכט אַרויסשפּראָצען דעם סאָציאַליזם איבער דער גאַנצער ערד . נאָך יעדער בלוט־באָד ווערט דער סאָציאַליזם ווידער געבאָרען מיט נאָך מעהר פרישקייט. געגען דיזען מהבל , געגען דיזע אָנשיקעניש , רחמנא לצלן , קען מען מיט דער גראָבער מאַכט פון קולאַק גאָרנישט ניט מאַכען . וואָס טוהט מען ?

די געלערנטע און פילאָזאָפען פון דער אַסיפה , פאָל בער , העקעל , הערבערט ספּענסער , האָבען איינער נאָך דעם אַנדערען זיך אויפגעהייבען און האָבען פאָרגעלייגט אַרויפצולייגען אַ צוים אויפ'ן סאָציאַליזם דורך דער וויסענשאַפט .

דער פאָפ יאָהאַן קראָנשטאַטסקי האָט אַ קוועטש געטאָהן מיט די פּלייצעס .

— אָבער דאָס איז דאָך אייער פאַרפלוכטע וויסענשאַפט , פון וועלכער די קאָמוניסטען נעהמען אַרויס זייערע שאַרפע ראיות .

— איהר האָט במחילה קיין ידיעה ניט אין דער נאַטוראַליסטישער פילאָזאָפיע , וועלכע מיר פריידיגען — האָט געענטפערט הערבערט ספּענסער . אונזער וויסענשאַפטליכע טעאָריע פון עוואָלוציע (ענט־וויקלונג) ערקלערט , אַז די סאָציאַלע אונטערגעוואָרפענקייט און אָב־הענגיגקייט פון די אַרבייטער איז אַזאַ נאַטור־נויטיגע זאַך , ווי דאָס פאַלען פון אַ קערפער , אַז דאָס נעהמט זיך נויטיג פון די שטענדיגע , אינע־ווייניגסטע געזעצען פון דער נאַטור . מיר ווייזען אויך אויף אין אונזער וויסענשאַפט , אַז די פּריווילעגירטע פון די העכערע קלאַסען זענען גע־בענטשט מיט די בעסטע מעלות און זענען אויפ'ן בעסטען אופן מסוגל צו זיין די הערשער ; מיר ווייזען אויף , אַז דיזע קלאַסען הערען ניט אויף כסדר זיך אויסצובעסערען , און אַז זיי וועלען ענדיגען דערמיט , וואָס זיי וועלען זיך מיט דער צייט אומענדערען גאָר אין אַ נייער ראַסע , וואָס איהרע פערזאָנען וועלען בשום אופן ניט זיין ענהליך צו די

חיות בצורת מענש, פֿון וועלכע עס באַשטעהען די נידעריגע קלאַסען, וועלכע מען קען אַנדערש ניט פֿיהרען סיידען מיט'ן בייטש אין האַנד*).

— גיב גאָט, אַז אייערע עוואָלוציאָניסטישע טעאָריעס זאָלען קיין מאָל ניט דערגרייכען צו די אַרבייטער־מאַסען; זיי וואָלטען זיי דאָך פֿון זינען אַראָבגעפֿיהרט, רחמנא לצלן; זיי וואָלטען זיי אַריינגעוואָרפֿען אין פֿערצווייפֿלונג, וועלכע איז אַלע מאָל די אורזאַכע פֿון פֿאָלקס־רעוואָלוציעס, פֿון מרידות און בונטען— איז אַריינגעפֿאַלען אין די רייד העררר מאָראָזאָוו. אין אייער אמונה, מיינע העררען טעאָרעטיקער פֿון טראַנספֿאָרמיזם**), זייט איהר באמת צופֿיעל בלינד! ווי אַזוי קענט איהר גלויבען, אַז אייער קאַלטע און ניכטערע וויסענשאַפֿט קען מען אַרויסשטעלען געגען די פּראַכטיגע בילדער, וואָס דער סאָציאַליזם ווירקט פֿאַנאַנדער, געגען די שותּפֿות פֿון אַלעמען אין די פֿאַרמעגענס, געגען דעם „כּיס אֶחָד יִהְיֶה לְכֻלָּנוּ" געגען דער פֿרייער ענטוויקלונג פֿון די פֿעהיגקייטען, וועלכע די סאָציאַליסטען מאָלען אויס מיט העלע און גלענצענדע קאָלירען פֿאַר די אויגען פֿון די ענטציקטע און בעגייסטערטע אַרבייטער? אויב מיר ווילען פֿאַרבלייבען דער פּריווילעגירטער קלאַס און ווייטער לעבען אויפֿ'ן חשבון פֿון די, וועלכע אַרבייטען, מוזען מיר זעהען צו קיצלען די פֿאַנטאַזיע פֿון די בהמות בצורת

---

*) אונז טוט זעהר לייד, וואָס צוליב ווייניג אָרט זיינען מיר געצוואונגען איבערצוגעבען בקיצור די מערקווירדיגע דרשות. וואָס מען האָט געהאַלטען אויף דער אסיפֿה, אויף וועלכער עס האָט זיך צונויפֿגעקליבען די אויבערשטע פֿון דעם בריין, דער סאַמע צימעס פֿון דער וויסענשאַפֿט, רעליגיאָן, פֿילאָזאָפֿיע, פֿינאַנץ, האַנדעל און אינדוסטריע. מיר שיקען אָב דעם לעזער צו דעם אַרטיקעל, וואו מורנו הערבערט ספּענסער לויבט אין הימעל אַריין די אַסטראָגען און דעם בייטש אַלס די בעסטע מיטלען צו געוועלטיגען איבער די אונטערשטע קלאַסען. דער אַרטיקעל האָט ערשיינט אין אַ ענגלישען זשורנאַל אונטער דעם נאָמען "די קומענדע שקלאַפֿעריי". דער קאָמוניזם — דאָס איז די שקלאַפֿעריי, אויף וועלכער דער באַרימטער בורזשואַזער פֿילאָזאָף זאָגט אונז נביאות.

**) טראַנספֿאָרמיזם אָדער איבעראַנדערשונגס־טעאָריע, אויך אָבשטאַמונגס־טעאָריע, הייסט די טעאָריע, וועלכע לערנט, אַז די איצטיגע באַשעפֿענישען האָבען ניט פֿון אייביג אָן עקסיסטירט אין דער געשטאַלט, וואָס זיי האָבען איצט. נאָר אַז זיי שטאַמען אָב פֿון אַנדערע, איינפֿאַכערע באַשעפֿענישען, אַזוי, אַז די העכערע פֿאָרמען און מעלות, וועלכע זיי האָבען איצט, האָבען זיי באַקומען אין דעם משך פֿון אַ לאַנגער, לאַנגער ענטוויקלונג.

מענש מיט לעגענדעס און מעשיות פון א יענער וועלט. די קריסטליכע רעליגיאן האט אויפ'ן בעסטען אופן געשפּיעלט דיזע ראָלע; איהר, רבּותים-פריידענקער, איהר האט איהר אראבגעוואָרפען פון איהר גדולה!

— דאס זייט איהר גערעכט, וואס איהר זייט מודה, אז זי איז אראב פון איהר גדולה — האט גראב געענטפערט פּאָל בער, — אייער רעליגיאן ווערט טאקי אן מיט יעדען טאג איהר באָדען אונטער די פיס, און אויב מיר, די פריידענקער, אויף וועלכע איהר פאלט אן מיט אזא אומכבוד, וואלטען בסוד ניט אונטערשטיצען די גלחים, זיך מאכענדיג כלומרשט, אז מיר באקעמפפען זיי, כדי צו פערשאַפען הנאה די נאראנים, אויב מיר וואָלטען יעדען יאהר ניט שטימען פאר דעם ביודזשעט אויף די קירכען, וואלטען מורנו מאָניִנג, ווי אויך אלע גלחים, פאפעס, רבנים און די גאנצע כנופיה כלי-קודש פון דער הייליגער קרעמעל פשוט פיינגערען פון הונגער. זאָל מען נאר אויפהערען צו צאָהלען זיי געהאלט, ווערט די אמונה גלייך פארלאָשען... נאר, ווייל איך בין א פריידענקער, ווייל איך מאך חוזק פון גאט אזוי ווי פון טייוועל, ווייל איך טראכט מעהר ניט ווי וועגען זיך אליין און וועגען די פיזישע און גייסטיגע תענוגים פון מיין אייגענעם נפש, אט דעריבער בין איך אויך מודה, אז מען מוז האָבען א רעליגיאן, וואס זאל, ווי איהר זאגט, קיצלען די פאנטאזיע פון די בהמות בצורת מענש, וועלכע מען שערט זיי ווי די שעפסען. עס איז נויטיג, אז די ארבייטער זאָלען גלויבען, אז אָרעמקייט — דאס איז גאָלד, מיט וועלכע מען קויפט דעם הימעל, און אז דער גוטער גאט שיינקט זיי אויף דער וועלט צרות און יסורים, כדי אויף יענער וועלט איבערצוגעבען זיי במתנה א גאנצע הימלישע מלוכה. איך בין בנאמנות זעהר א רעליגיעזער מענש... פאר די אנדערע, אבער, אום גאטעס ווילען! צו וואס זאָלען מיר פאבריצירען אזא הלשות'דיגע רעליגיאן, ווי דער קריסטענטום! מיט'ן בעסטען ווילען קען איך בשום אופן ניט מודה זיין, אז איך גלויב, אז א טויב איז געשלאָפען מיט א בתולה און אז דורך אזא צוזאמענפאָרונג, וואס קען זיך ניט פערטראגען ניט מיט דער מאראל, ניט מיט דער פיזיאָלאגיע, איז געבאָרען געוואָרען א שעפּסעלע, וועלכע איז דערנאך מגולגל געוואָרען אין א גע'מל'טען יודען.

— אייער רעליגיאן שטימט ניט מיט די כללים פון דער גראמאַטיק, האט צוגעגעבען דער באריהמטער בעל-מדקדק גראָט, וועלכער שטאלצירט מיט דער ריינקייט פון זיין שפּראך. א גאט, וועלכער

איז פֿאַראייניגט פֿון דריי פּערזאָנען, איז פֿאַר׳משפּט צו אייביגע באַר־באַריזמען, צו די אויסדריקען „איך מיר דיינקען”, „איך מיר שנייצען דעם נאָז”, „איך מיר ווישען זיך אונטער”.

— רבותי, מיר זענען אַהער געקומען ניט כדי צו פֿיהרען ויכּוחים מכּה דער קאַטוילישער רעליגיאָן — האָט געזאָגט גלאַסען פּ אָ ב י ע־ד אָ נ אָ ס צ אָ ו — נאָר מיר האָבען זיך דאָ צונויפֿגעקליבען כּדי אויס־צוגעפֿינען מיטלען געגען דער סאָציאַלער געפֿאַהר. איהר קענט, ווידער אַרויסגעגעבענדיג די ווערק פֿון וו אָ ל ט ע ר, מאַכען הוזק פֿון דער רעלי־גיאָן, אָבער איהר טאָרט למען השם ניט שטערען, אַז זי זאָל פֿאַרבלייבען דער בעסטער מאָראַלישער צוים פֿאַר די נידעריגע געלוסטען און תּאוות פֿון די אונטערשטע קלאַסען.

— דער מענש איז אַ רעליגיעזע באַשעפֿעניש, — האָט געזאָגט מיט אַרבּנישען טאָן דער פּאַפּסט פֿון דעם פּאָזיטיוויזם*), פּ י ע ר ר לאַפֿפֿיט. די רעליגיאָן פֿון אוי גוסט קאָ נ ט האָט ניט אין זיך ניט קיין טויב, ניט קיין שעפּסעלע, און האָטש אונזער גאָט איז ניט קיין האָריגער און ניט באַדעקט מיט פֿעדערען, איז ער דאָך אַ פּאָזיטיווער רעאַלער גאָט.

— אייער גאָט־מענשהייט — איז אַריין אין די רייד האַקסלי — איז נאָך ווייניגער רעאַל איידער דער בלאָנדער י ע ז ו ס. די רעליגיאָן פֿון אונזער יאָהר־הונדערט איז אַ סאָציאַלע געפֿאַר. פֿרעגט ביי דעם הערר רוסישען מיניסטער וו י ט ט ע, וועלכער הערט דאָ אונז צו שמייכ־

*) פּאָזיטיוויזם = האָט דער גרויסער פֿראַנצויזישער פֿילאָזאָף אויגוסט קאָנט (געבאָרען 1798, געשטאָרבען 1857) אַ נאָמען געגעבען זיין טעאָריע, וועלכע פֿאַרוואַרפֿט לחלוטין יעדען מין חקירות און דרישות וועגען דעם „אָנהייב פֿון אַלע אָנהייבען”, וועגען אַלע געטליכע און איבערנאַטירליכע זאַכען, זאָגט פֿאַר איהר אַרויסגאַנגספּונקט די רעאַלע פֿאַקטען, די ערשיינונגען, וועלכע מיר קענען באַנעהמען מיט אונזערע געפֿיהלען. זי זוכט די געזעצע, לויט וועלכע די ערשיינונגען פֿאַרבינדען זיך צווישען זיך און פֿאַראייניגט די רעזולטאַטען פֿון די נאַטורוויסענשאַפֿטען, וועלכע בילדען דעם יסוד פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע אין אַלאָגיש געבויטע סיסטעמע. אין מיטעלפּונקט פֿון זיין סיסטעמע האָט קאָנט געשטעלט די געזעלשאַפֿטס־וויסענשאַפֿט אָדער סאָציאָלאָגיע און האָט אויס־געאַרבייט אַ אויספֿיהרליכען אידעאַל פֿון דער צוקונפֿטיגער אָרגאַניזאַציע פֿון דער מענשליכער געזעלשאַפֿט, פֿון „דער פּאָזיטיווער געזעלשאַפֿט”, וואו די „פּאָזיטיווע” פֿילאָזאָפֿען דאַרפֿען שפּילען די הויפּט ראָלע און עס דאַרף איינגע־פֿיהרט ווערען אַ נייע רעליגיאָן, די רעליגיאָן פֿון דער מענשהייט.

לענדיג, צו זענען די רעליגיעזע סעקטען פון דער גייסטיגער מאָדע פון רוסלאַנד און אַמעריקאַ אויך ניט זאַראַזשעט פון דער מגפה פון קאָמוניזם. איך בין מודה, אַז אַ רעליגיאָן איז אונז זעהר נויטיג, איך גיב אויך צו, אַז קריסטענטום, הויך ווי סיידען פאַר די פּאַפּואַסען און פאַר די ווילדע פון אויסטראַליע, איז אין איראָפּאַ געוואָרען אַ ביסעל אויס מאָדע. אָבער אַ נייע רעליגיאָן מוזען מיר האָבען גיון דעריבער דאַרפען מיר זיך סטאַרען, אַז פון איין זייט זאָל זי ניט זיין געשטיקעוועט פון גע׳גנב׳עטע שטיקער פון קאַטוילליציזם און פון דער אַנדערער זייט זאָל זי אין זיך קיין שפּור ניט האַלטען פון סאָציאַליזמוס.

— פאַר וואָס — האָט איבערגעשלאָגען דער ליבעראַל מאַרע, גליקליך פיהלענדיג זיך דערמיט, וואָס ער האָט אויך געהאַט אַ זכיה אַריינצורוקען זיין וואָרט — פאַר וואָס זאָלען מיר אין דער נייער רעליגיאָן ניט אומבייטען די טעאָלאָגישע געבאָטען מיט ליבעראַלע געבאָטען. פאַר וואָס זאָלען מיר ניט אַנידערשטעלען אָנשטאָט „אֱמונה“, „בטחון“ און „גמילות־הסדים“ — „פרייהייט“, „גלייכהייט“ און „ברידערליכקייט“?

— און „דאָס פאָטערלאַנד“, האָט פערענדיגט ד״ר הערצל.

— דיזע ליבעראַלע מצוות זענען, בנאֱמנות, די בעסטע רעליגעזע ערפינדונג פון די היינטיגע צייטען — האָט געזאָגט וויטטע. זיי האָבען אַ גרויסען און וויכטיגען נוצען געבראַכט אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַמעריקאַ און בכלל אומעטום, וואו זיי האָבען געדיענט אַלס אַ מיטעל צו הערשען איבער די מאַסען; זיי וועלען אונז נאָך ווען עס איז דיענען אויך אין רוסלאַנד. איהר, מיינע הערען פון מערב־איראָפּאַ, האָט אונז געלערנט דעם קונסט, ווי צו ראַבירען אין נאָמען פון „פרייהייט“, ווי צו עקספּלואַטירען אין נאָמען פון „גלייכהייט“ און ווי צו דערשיסען אין נאָמען פון „ברידערליכקייט“; איהר זענט אונזערע רבּיים, אונזערע ערציהער. אָבער דיזע דריי געבאָטען פון דעם בורזשואַזנעם ליבעראַליזם זענען נאָך ניט גענוג צו גרינדען אַ רעליגיאָן, דאָס זענען נאָך אַלץ האַלב־געטער; מיר מוזען נאָך געפינען אַ אויבערשטען, אַלמעכטיגען גאָט.

— די איינציגע רעליגיאָן, וועלכע וואָלט געקענט געבען אַנטפער אויף די פאָדערונגען פון היינטיגער צייט, איז די רעליגיאָן פון „קאַפּיטאַל“ — האָט שאַרף ערקלערט דער גרויסער ענגלישער סטאַטיסטיקער גיפּפּען. דער „קאַפּיטאַל“ — דאָס איז דער רעאַלער, פּאָזיטיווער גאָט, וועלכער איז אומעטום פול און באַווייזט זיך אונטער

פערשיעדענסטע פאָרמען — דאָ איז ער גלענצענדער גאָלד און דאָרט — עיפוש'דיגער טינוף; דאָ — טשערעדעס שאָף און דאָרט — זעק מיט קאַווע; דאָ — אַ קאַסטען חומשים און דאָרט — אַ פּאַק פון פּאַסקודנע, שמוציגע בילדער; דאָ — מורא'דיג גרויסע מאַשינען און דאָרט — פּעק פון ענגלישע קאָפּטעס. דער „קאַפּיטאַל" — דאָס איז דער גאָט, וועלכען די גאַנצע וועלט זעהט, הערט, גרייפּט, פיהלט און שמעקט; ער עקזיסטירט פאַר אַלע אונזערע חושים. ער איז דער איינציגער גאָט, וועלכען קיינער האָט נאָך ניט אָבגעלייקענט. שלמה המלך האָט איהם פערגעטערט, האָטש אַליך איז געווען פאַר איהם הבל הבלים; שאָפּענהויער האָט געפונען, אַז אין איהם ליגט עפּעס ווי אַ אָנציהענדער כשוף, האָטש אין אַליך האָט ער פערלוירען זיין גלויבען; האַרטמאַן, דער בעוואוסטלאָזער פילאָזאָף, איז איינער פון זיינע בעוואוסטזיניגע גלויביגע. די אַנדערע רעליגיאָנען האַלטען זיך מעהר ניט ווי אויף די ליפּען, אָבער אין תוך אַריין, אין דער סאַמע טיעפקייט פון מענשליכען האַרצען, הערשט נאָר די איינציגע אמונה אין „קאַפּיטאַל".

בלייכרעדער, ראָטשילד, וואַנדערבילט, בראָדסקי, מאָראָזאָוו, אַלע קריסטען און אַלע יודען פון דעם געלען בליאַסקענדען „אינטערנאַציאָנאַל", האָבען געפּאַטשט בראַוואָ און האָבען געפּילדערט:

— גיפּפּען איז גערעכט! דער „קאַפּיטאַל" — דאָס איז גאָט, דער איינציגער לעבעדיגער גאָט!

בשעת די התלהבות פון די געלד־זעק האָט זיך אַ ביסעל אָבגעקיהלט, האָט גיפּפּען גערעדט ווייטער:

— פאַר איינע איז זיין ערשיינונג שרעקליך שוידערהאַפט; פאַר די אַנדערע איז ער צערטליך ווי אַ יונגע מוטער. ווען דער „קאַפּיטאַל" פאַלט אַריין אין אַן אָרט, פליהט ער דורך ווי אַ מורא'דיגער שטורם־ווינד, צובּרעכענדיג און צומאַלענדיג מענשען, בהמות און חפצים. ווען דער איראָפּעאישער „קאַפּיטאַל" האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין עגיפּטען, האָט ער אַ האַפּ געטהון די פעלאַכען מיט זייערע אָקסען, פוהרען און גראָב־אַייזענס, האָט זיי אַ הייב געטהון פון דער ערד און האָט זיי אַריבערגעוואָרפען אין סועץ; מיט זיין אייזערנע האַנד האָט ער זיי — פערברענטע פון דער זון, טרייסלענדע פון קדחת, פערמאַטערטע, פער'חלש'טע פון הונגער און דאָרשט — צוגעבויגען

און צוגעדריקט צו דער אַרבייט. דרייסיג טויזענד פון דיזע מענשען האָבען אויסגעלייגט און בעדעקט די ברעגען פון סועצער קאַנאַל מיט זייערע ביינער. דער „קאַפּיטאַל" פערהאַפּט מענשען יונגע און פרייע, פלינקע און שטאַרקע, צופריעדענע און פרעהליכע; ער פערשפאַרט זיי טויזענדערווייז אין די זאַוואָדען, אין וועבערייען, אין די גרובען; דאָרטען פערברויכט ער זיי, אַזוי ווי קוילען אין דעם פאַבריטשנעם אויוען; ער מישט אויס זייער בלוט און זייער פלייש מיט די שטיינקוילען, מיט פעדים פון דער וועבעריי, מיט דעם שטאָל פון די מאַשינען, ער גיסט איבער זייער לעבעדיגע קראַפט אין טויטען שטאָף. ווען ער לאָזט זיי אַרויס, זענען זיי שוין אויסגענוצט, צובראָכען און פאַרעלטערט פאַר דער צייט; זיי פערבלייבען מעהר ניט ווי אויסגעטריקענטע, אויסגעדאַרטע און אוננוצליכע סקעלעטען, איבער וועלכע עס רייסען זיך סוכאָטע, געלזוכט און מאָגען-קראַנקהייטען, יעדע סטאַרענדיג זיך אַריינצוהאַפּען זיי צו זיך. די מענשליכע פאַנטאַזיע, וועלכע איז אַזוי רייך אין דער בעשאַפונג פון שרעקליכסטע, משונה'דיגסטע בריאות, האָט נאָך קיינמאָל ניט געקענט בעשאַפען אַזאַ גאָט, וואָס זאָל זיין אַזוי אומברחמנות'דיג, אַזוי שרעקליך און אַזוי אַלמעכטיג צו טהון שלעכטס. — אָבער ווי זיס, געטריי און ליעבליך איז ער פאַר זיינע „בחירים", פאַר זיינע אויסדערוועהלטע! אויף דער ערד איז ניטאָ אַזוי פיעל תענוגים און פערגעניגענס, וואָס זאָלען זיין גענוג פאַר די אויסדערוועהלטע פון „קאַפּיטאַל"; ער צווינגט די אַרבייטער, אַז זיי זאָלען ברעכען די מוחות, אויסקלערענדיג פאַר זיי אַלץ נייע תענוגים, אַז זיי זאָלען פאַר זיי צוגרייטען נייע אומבעקאַנטע מאכלים כדי צו רייצען זייערע אָנגעזעטיגטע אַפּעטיטען; ער שטעלט זיי צו יונגענקע מיידעלאַך, נאָך גאָר קינדער, כדי צו דערוועקען זייערע פערטעמפּעוועטע חושים און פונאַנדערצוהיצען זייערע אויסגעגאַנגענע תאוות. ער גיט זיי אַוועק אין זייער גאַנצען רשות ווי טויטע חפצים אַזוי אויך לעבעדיגע בעשעפענישען.

פערפלאַמט און צורייצט פון דעם גייסט פון אמת, וואָס גיפּפען האָט אַרויסגערעדט, האָבען אַלע געטופּעט מיט די פיס און געדיטשעט אין איין קול:

— דער „קאַפּיטאַל" — דאָס איז גאָט.

— דער „קאַפּיטאַל" ווייס ניט פון קיין פאָטערלאַנד, פון קיינע גרענעצען, פון קיין פאַרב, פון קיין ראַסע, פון קיין עלטער, פון קיין

געשלעכט; ער איז דער אינטערנאַציאָנאַלער גאָט, דער גאָט וואָס איז פיל איבער דער גאַנצער וועלט; אונטער זיינע געזעצען זענען אונטער־געוואָרפען אַלע „בשר־ודם׳ס“, אַלע מענשען פון דער וועלט! — האָט אויסגעשריגען דער שליח פון פאַבסט אין דער בעגייסטערונג פון אַ געטליכער התלהבות. לאָמיר אויסמעקען די רעליגיאָן פון דער פער־גאַנגענהייט, לאָמיר פערגעסען אונזערע נאַציאָנאַלע שנאות און אונזערע רעליגיעזע מחלוקת׳ען. לאָמיר זיך פעראייניגען מיט די געדאַנקען און געפיהלען כדי אויסצואַרבייטען און צוזאַמענצושטעלען די „אני־מאמין׳ס“ פון דער נייער אמונה, פון דער ר ע ל י ג י אָ ן פ ו ן „ק אַ־פ י ט אַ ל“.

* * *

די לאָנדאָנער אסיפה וועט זיין פערצייכענט אין דער היסטאָריע אַזוי ווי יענע גרויסע וועלט־בעריהמטע אסיפות, וועלכע האָבען אויס־געאַרבייט די געבאָטען פון דער קאַטאָלישער רעליגיאָן; די זיצונגען האָבען געדויערט צוויי וואָכען; מען האָט אויסגעקליבען אַ קאָמיסיע, אין וועלכער עס זענען אַריין די פאָרשטעהער פון אַלע נאַציאָנען און וועלכע האָט אויף זיך גענומען צו פיהרען די פּראָטאָקאָלען און צוזאַמענשטעלען אין איין גאַנצער תורה אַלע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען און אידעען. אונז האָט געלונגען צו קריגען איינינע זאַכען, וואָס דיזע קאָמיסיע האָט שוין אויסגעאַרבייט, וועלכע מיר דרוקען אָב דאָ אין דיזען ביכעל.

II. דער קאַטעכיזים*) פון די אַרבייטער.

פראַגע. — ווי רופט מען דיך.

ענטפער. — מיין נאָמען איז שכירות־אַרבייטער.

פ. — ווער זענען דיינע עלטערן?

ע. — מיין פאָטער איז אויך געווען אַ שכירות־אַרבייטער; די

*) קאַטעכיזים הייסט בכלל אַ לעהרבוך, וועלכער איז איינגעאָרדענט אין פראַגען אין ענטפערן. ספּעציעל הייסט קאַטעכיזים אַ רעליגיאָנס־לעהרבוך, אין וועלכען עס ווערען ערקלערט די יסודות פון דער רעליגיאָן אין דער גע־שטאַלט פון פראַגען און תשובות.

זעלביגע זאַך אויך מײַן זײדע און עלטער־זײדע; אָבער מײַנע אָבות־אָבותינו זענען געװען פּאַנשטשיזניקעס בײַ די פּריצים און קנעכט בײַ די שקלאַפֿען־הערען. מײַן מוטער רופֿט מען דלות.

פּ. — פֿון װאַנען קומסט דו און װאוהין געהסט דו?

ע. — איך קום אָן פֿון אָרימקײַט און געה צו עלענד און קבצנות. מײַן װעג איז דורך שפּיטאָל, װאו מײַן גוף דאַרף דינען אַלס אַ זאַך, אויף װעלכער מען פּראָבירט די נײַ־ערפֿונדענע רפֿואות, און אַלס אַ קערפּער, אויף װעלכען די דאָקטוירים שטודירען זײער מעדיצין, כּדי דערנאָך צו קענען הײלען די פּריװילעגירטע פֿון „קאַפּיטאַל“.

פּ. — װאו ביסט דו געבוירען געװאָרען?

ע. — אויף אַ בוידעם, אונטערן דאַך פֿון אַ שטוב, װאָס מײַן פֿאָטער מיט נאָך אַרבײטער האָבען געבויט.

פּ. — װאָס איז דײַן רעליגיאָן?

ע. — מײַן רעליגיאָן איז די רעליגיאָן פֿון „קאַפּיטאַל“.

פּ. — װעלכע פֿליכטען ליגט אויף דיר אַרויף די רעליגיאָן פֿון „קאַפּיטאַל“?

ע. — צװײ הויפּט־פֿליכטען; דעם פֿליכט אָבצוזאָגען זיך פֿון אַלץ און דעם פֿליכט צו אַרבײטען.

מײַן רעליגיאָן הײסט מיר זיך אָבזאָגען פֿון מײַנע אײגענטומס־רעכטען אויף דער ערד, װעלכע איז אונזער אַלעמענס מוטער, אויף די רײַכקײַטען, װאָס געפֿינען זיך אינעװײניג אין איהר פֿערגראָבען, אויף אַלץ, װאָס עס װאַקסט אויף איהר פֿון אויבען, און אויף איהר סודות־פֿולער פּרוכטבאַרקײַט, װעלכע נעהמט זיך פֿון דער שײַנונג און װאַרעמונג פֿון דער זון; — זי הײסט מיר זיך אָבזאָגען פֿון מײַנע אײגענטומס־רעכטען אויף מיר אַלײן, אויף מײַן אײגענעם „איך“; גלײַך װי איך טרעט נאָר אַריבער דעם שװעל פֿון דער װערקשטאַט, געהער איך שוין מעהר ניט זיך, איך בין אַ זאַך, װאָס געהערט דעם בעל־הבית.

מײַן רעליגיאָן הײסט מיר אַרבײטען פֿון קינד־װײַז אָן ביז׳ן טויט, אַרבײטען בײַם שײַן פֿון דער זון און בײַם שײַן פֿון לעמפּעל, אַרבײטען בײַ טאָג און בײַ נאַכט, אַרבײטען אויף דער ערד און אונטער דער ערד, אויפ׳ן װאַסער און אונטער׳ן װאַסער, אַרבײטען שטענדיג און אומעטום.

פ. — לייגט דײַן אֶמונה אויף דיר אַרויף נאָך וועלכע ניט איז פפליכטען?

ע. — יע; זי הייסט מיר פאַסטען תעניתים אַ גאַנצען יאָהר; זי הייסט מיר לעבען אין דחקות און אײַנשטילען מײַן הונגער נאָר ביז אַ העלפט; זי הייסט מיר מאַכען וואָס קלענער די באַדערפנישען פון מײַן קערפּער און וואָס וויניגער די שטרעבונגען פון מײַן גײַסט.

פ. — צו האָט דיר דײַן אֶמונה ניט פאַרבאָטען וועלכע ניט איז מאַכלים?

ע. — זי האָט מיר פאַרבאָטען צוצוריהרען זיך צו געבראָטענע און געקאָכטע עופות ווי אויך צו עסען אָקסען־פלייש פון ערשטען צווייטען און דריטען סאָרט; איך טאָר אויך ניט עסען קיין פרישע און גוטע פיש, און עס איז מיר פאַרבאָטען צו טרינקען אֶמת'ן ווײַן און גוטע, פרישע מילך, אַזוי ווי מען מעלקט איהר אויס פון דער קוה.

פ. — וועלכע מאַכלים מעגסט דו עסען?

ע. — איך מעג עסען ברויט, קאַרטאָפלעס, באָב, אַרבעס און געדויכערטע הערינג; איך מעג גריזשען ביינער און עסען בהמישע, פערדישע, אייזעלשע און הזיר'שע פלייש; כדי צו פאַרשטאַרקען מײַנע אָבגעשוואַכטע כּחות, מעג איך גיסען אין זיך שטאַרקע בראַנפען און שוואַרצע ביר.

פ. — וועלכע פפליכטען לייגט אויף דיר אַרויף דײַן אֶמונה בנוגע צו דיר אַליין?

ע. — זי הייסט מיר מאַכען וואָס קלענער די הוצאות; לעבען אין שמוץ און בלאָטע; טראָגען צוריסענע, פאַרלאַטעטע און שמוציגע קליידער; ניצען דיזע בגדים ביז זיי ווערען צוריסען אויף פיצלאַך און צופאַלען שטיקלאַכווייז; געהן אָהן שטיוועל און טראָגען אויף די פיס צוריסענע שיך, וועלכע טרינקען אויס די קאַלטע, בלאָטיגע וואַסער פון די גאַסען.

פ. — וועלכע פפליכטען לייגט זי אויף דיר אַרויף בנוגע צו דײַן פאַמיליע?

ע. — זי הייסט מיר בעזאָרגען, אַז מײַן ווייב און מײַנע טעכטער זאָלען ניט האָבען אין זיך קיין שום ליבליכקייט, בנעימות'דיגקייט און איידעלקייט; זיי זאָלען זיך אָבזאָגען פון דאָס נויטיגסטע; זיי זאָלען זיך געוואוינען ווינטער אין די פרעסט צו געהן האַלב נאַקעט און זומער אין די היצען צו וואוינען אויף די בוידימער אונטער די גליהענדע אײַ־

זערנע דעכער; זי הייסט מיר איינפלאַנצען אין מיינע קינדער די הייליגע מצוה פון אַרבייטען, כדי זיי זאָלען נאָך אויף דער עלטער פאַרדינען זייער היונה און זאָלען הס ושלום ניט פאַלען צו לאַסט אויף דער געזעלשאַפט; זי הייסט מיר איינגעוואוינען זיי צו ליינען זיך שלאָפען אין דער פינסטער און הונגעריגערהייד און בכלל איינגעוואוינען זיי צו אָרעמקייט און עלענד, וועלכע איז זייער גורל אויף דער וועלט.

פ. — וועלכע פפליכטען לייגט זי אויף דיר אַרויף בנוגע צו דער געזעלשאַפט?

ע. — צו פאַרמעהרען דעם נאַציאָנאַל-רייכטום: ערשטענס, דורך מיין אַרבייט און, צווייטענס, דורך מיין אָבשפּאָרען און אָבקאַרגען.

פ. — וואָס הייסט זי דיר טהון מיט דאָס אָבגעשפּאָרטע און אָבגעקאַרגטע?

ע. — זי הייסט מיר אַוועקטראָגען דאָס אין די „אָבשפּאָרונגס-קאַסעס" פון דער מלוכה, כדי די רעגירונג זאָל דערמיט קענען צאָהלען איהרע חובות, אָדער ווי מען רופט דאָס — צו דערפילען די דעפיציטען פון דעם ביודזשעט*) אָדער אַוועקצוגעבען דאָס אין די בענק, וועלכע די גבירים פילאַנטראָפען האָבען געגרינדעט, כדי זיי זאָלען דאָס קענען לייהען אונזערע בעלי-הבתים. מיר דאַרפען אַלע מאָל אַוועקגעבען אונזערע אָבשפּאָרונגען, כדי אונזערע הערען זאָלען זיך דערמיט באַנוצען.

*) דער קאַטעכיזים גיט דאָ אָנצוהערעניש וועגען די פאַקטען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין פראַנקרייך, נאָר וועלכע די רעדאַקטאָרען פון דיזען קאַטעכיזים ווילען בלי ספק, אַז זיי זאָלען פאָרקומען אויך אין אַלע אַנדערע לענדער. די געלטען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין פראַנקרייך אין די „אָבשפּאָרונגס-קאַסעס" האָט מען באַנוצט אָבצוצאָהלען אַ חוב פון דער מלוכה, וועלכער איז באַשטאַנען פון 1200 מיליאָנען פראַנק; אַלע יאָהר ווערען די מותרות פון די הכנסות איבער די הוצאות פון די „איינשפּאָרונגס-קאַסעס" געברויכט. אַזוי ווי דער קאַטעכיזים זאָגט, צו דערפילען די דעפיציטען פון דעם בידזשעט. דער פראַנצויזישער עקאָנאָמיסט לערואַ-באָליע ווייזט אָן אויף דער געפאַהר. וועלכע קען אַרויסקומען פון אַזאַ לאַגע; די מלוכה קען באַנקראָטירען אויב די, וועלכע האָבען אַריינגעלייגט זייער געלד אין די „אָבשפּאָרונגס-קאַסעס" וועלען פאָדערען זייער געלד צוריק.

איך וועל אָנמערקען אויף דעם אמת-אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער פון עם קאַפּיטאַליסטישען קאַטעכיזים, וועלכער פאָרמולירט די פפליכטען און רעכטען פון די פּראָלעטאַריער אָהן אונטערשייד צו וועלכער ראַסע זיי געהערען און אין וועלכער לאַנד זיי וואוינען.

פ.— ערלויבט זי דיר צו געניסען פון דיין אָבשפּאָרונג?

ע.— ווי נאָר מעגליך זעלטענער; זי הייסט אונז זיך ניט פאַר־עקש'ענען אין אונזער פאָדערונג, בעת די רעגירונג זאָגט זיך אָב פון אַרויסצוצאָהלען אונזער געלד*), און צו שווייגען שטיל, בעת די גבירים פילאַנטראָפּען ערקלערען אונז איידער מיר האָבען נאָך געבעטען, אַז אונזערע אָבשפּאָרונגען זענען פאַרשוואונדען געוואָרען ווי אַ רויך.

פ.— האָסט דו פּאָליטישע רעכטען?

ע.— דער „קאַפּיטאַל" ערלויבט אונז די אונשולדיגע צייט־פאַרטרייבונג אויסצוועהלען געזעצגעבער, וועלכע שמידען אויס געזעצען כדי אונז צו בעדריקען, אָבער ער פאַרבאָט אונז אָבצוגעבען זיך מיט פּאָליטיק און צו הערען די סאָציאַליסטען.

פ.— פאַר וואָס?

ע.— ווייל די פּאָליטיק איז די פּריווילעגיע פון די בעלי־הבתים, ווייל די סאָציאַליסטען זענען שווינדלער, וועלכע ראַבירען און נאַרען אונז אָב. זיי זאָגען אונז, אַז דער מענש, וועלכער אַרבייט ניט, דאַרף ניט עסען, אַז דער גאַנצער רייכטום געהערט צו די שכירות־אַרבייטער, ווייל זיי האָבען דאָס אַליץ אויסגעאַרבייט, אַז די בעלי־הבתים זענען פּאַראַזיטען, וועלכע מען דאַרף פערניכטען. די היילינע רעליגיאָן פון „קאַפּיטאַל" לערנט אונז, פערקעהרט, אַז די אויסברייננערי פון די רייכע בעשאַפט די אַרבייט, וועלכע גיט אונז אונזער היונה, אַז די רייכע זענען מפרנס די אָרימע לייט; אַז אויב ס'וואָלטען ניט געווען קיין רייכע, וואָלטען די אָרעמע אויסגעהען פון הונגער. אויך לערנט זי אונז ניט צו זיין אַזוי נאַריש אום צו גלויבען, אַז אונזערע ווייבער און טעכטער וואָלטען אויך קענען טראָגען זיידענע און סאַמעטענע קליידער, וועלכע זיי וועבען און שפּינען—זיי, וועלכע קענען זיך צירען מעהר ניט ווי אין גראָבע לייווענד, און אַז מיר וואָלטען אויך קענען טרינקען אֶמת

*) אַזעלכע פֿאַקטען האָבען זיך שוין געטראָפֿען אין די יאָהרען 1848 און 1871; די רעדאַקטאָרען פֿון קאַטעכיזים זעהען אַרויס אַפֿריהער, אַז אַזעלכע פֿאַקטען וועלען זיך נאָך איבער'חזר'ען אַז זיין ווילען צון דעם צוגרייטען די אַרבייטער, וועלכע שפּאָרען אָב פֿון זייערע הוצאות

גוטען ווײַן און עסען די בעסטע מאַכלים— מיר, וועלכע זענען געוואוינט צו עסען די ערגסטע מאַכלים און צו טרינקען די שלעכסטע משקאות.

פ.— ווער איז דײַן גאָט ?

ע.— מײַן גאָט איז דער „קאַפּיטאַל״.

ע.— עקסיסטירט ער פון אייביג אָן ?

ע.— אונזערע געלערענטע כהנים, די אָפּיציעלע עקאָנאָמיסטען, זאָגען, אַז ער עקסיסטירט זינט די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען ; אַמאָל איז ער געוועזען זעהר קליין, און כל־זמן ער איז נאָך געוועזען קליין האָבען „יופּיטער״, „יעהאָוואַ״, „יעזוס״ געקיניגט אויף זײַן אָרט און אין זײַן נאָמען ; אָבער אַנ׳ערך פון דעם יאָהר 1500 האָט ער אָנגעהייבען פון טאָג צו טאָג צו וואַקסען אין גרויס און אין שטאַרקייט און איצט הערשט ער איבער דער גאַנצער וועלט.

פ.— איז דײַן גאָט אין אמת׳ען אַזוי שטאַרק ?

ע.— יע ; זײַן הערשאַפט פאַרשאַפט כל־טוב אויף דער ערד. קעהרט ער נאָר אָב זײַן פּנים פון אַ פאַמיליע אָדער פון אַ נאַציאָן, הייבט זיך אויף איהר אָן צו גיסען אַ מבול פון צרות און יסורים. די מאַכט פון דעם גאָט־קאַפּיטאַל וואַקסט אין דעם ערך, ווי עס ווערט פאַרגרעסערט זײַן מאַסע : יעדען טאָג נעהמט ער אײַן אַלץ נײַע לענדער ; מיט יעדען טאָג ווערען אַלץ פאַרגרעסערט די מאַסען (טשערעדעס) פון די שכירות־אַרבייטער, וועלכע זענען אין דעם גאַנצען משך פון זייער לעבען פאַר׳משפּט אַלץ מעהר צו פאַרגרעסערען זײַן מאַסע.

פ.— ווער זענען די אויסדערוועהלטע, די אתה־בחרתניקעס פון דעם „גאָט־קאַפּיטאַל״ ?

ע.— די בעלי־הבתים, די קאַפּיטאַליסטען און די קופּאָנעס־שנײַדער.

פ.— וואָס פאַר אַ שכר גיט דיר דײַן רבונו־של־עולם, דער „קאַפּיטאַל״, אויף דער וועלט ?

ע.— זײַן שכר איז, וואָס ער גיט מיר שטענדיג, יעדען טאָג אַרבייט, מיר, מײַן ווײַב און מײַנע פּיטשינקע קינדערלאַך.

פ.— איז דאָס דער איינציגער שכר, וואָס דײַן גאָט גיט דיר ?

ע.— ניין ; גאָט ערלויבט אונז אײַנצושטילען אונזער הונגערדערמיט, וואָס מיר מעגען קוקען אין די פענסטער פון מאַגאַזינען, וואו עס זענען אויסגעשטעלט פערשיעדענע מאַכלים און משקאות,

וועלכע מיר האָבען קיינמאָל ניט פערזוכט און וועלען קיינמאָל ניט פּאַרזוכען און וועלכע עס עסען די אויסדערוועהלטע און די הייליגע כּהנים פון „קאַפּיטאַל". זיין גוטסקייט ערלויבט אונז צו דערוואַרעמען אונזערע פאַרפראָרענע גלידער מיט דעם, וואָס מיר מעגען קוקען אויף די וואַרעמע פוטערס און אויף דעם דיקען געוואַנד, אין וועלכע עס דעקען זיך איין די אויסדערוועהלטע און די הייליגע כּהנים פון „קאַפּיטאַל". ער ערלויבט אונז אויך דעם ליעבען, אײדעלען תּענוג צו שעפּען פערגעניגען פון די טייערע קאַרעטען, אויף וועלכע מיר מעגען קוקען, בעת די הייליגע משפּחה פון די שיינענדע, פּאַרפּוצטע, דיקע און גראָבע בייכיגע קאַפּיטאַליסטען און קופּאָנעס־שניידער פאָהרט אַרויס אויף'ן שפּאַציר, אַרומגערינגעלט מיט אַ גאַנצער מחנה פון רייך פּאַרפּוצטע לאַקייען און מיט אַ גאַנצען פאָלק פון פּראָסטיטוטקעס, געקליידעטע אין די טייערסטע בּגדים און צירונג. קוקענדיג אויף דעם, האָבען מיר דאָס רעכט צו שטאָלצירען, וואָס האָטש דיזער גאַנצער רייכטום און גלאַנץ געהערט ניט אונז, איז דאָס דאָך פאָרט אַלץ די אַרבייט פון אונזערע הענד און פון אונזער מאַרך.

פ. — די אויסדערוועהלטע זענען פון אַנ'אַנדער ראַסע אײדער דו?

ע. — די קאַפּיטאַליסטען זענען אויסגעקנאָטען פון דעם זעלביגען ליים, זענען די זעלבע בּשׂר־ודם'ס ווי די שׂכירות־אַרבייטער; נאָר זיי זענען אויסדערוועהלט פון צווישען טויזענדער און מיליאָנען מענשען.

פ. — דורך וואָסערע מעשׂים־טובים האָבען זיי פאַרדינט צו זיין די אויסדערוועהלטע?

ע. — דורך קיינע; גאָט בעווייזט זיין אַלמעכטיגקייט דערמיט, וואָס ער בענטשט מיט בּרכה און הצלחה, די וועלכע האָבען דאָס גאָר ניט פערדינט.

פ. — דער „קאַפּיטאַל" איז דאָך אַזוי ניט קיין גערעכטער גאָט?

ע. — דער „קאַפּיטאַל" — דאָס איז די גערעכטיגקייט אַליין, אָבער זיין גערעכטיגקייט קען אונזער שוואַכער פערשטאַנד ניט בעגרייפען. אויב דער קאַפּיטאַל וואָלט געוועזען געצוואונגען צו בענטשען מיט גליק די, וועלכע האָבען דאָס פערדינט, וואָלט דאָך דאָס הייסען, אַז ער איז ניט פריי, אַז זיין אַלמעכטיגקייט האָט געוויסע גרענעצען. דער „קאַפּיטאַל" קען אַנדערש ניט אַרויסווייזען זיין גאַנצע אַלמעכטיגקייט סיידען דערמיט, וואָס ער קלויבט אויס זיינע אויסדערוועהלטע דווקא פון דער מחנה פון אונפעהיגע, פוילע און טויגעניכטסען.

פ. — מִיט וואָס שטראָפט דִיך דיין גאָט?

ע. — מִיט דעם, וואָס ער פאַר'מִשפט מִיך צו בלייבען אָהן אַרבייט; דאַן ווערט אויף מִיר אַרויפגעוואָרפען אַ חֵרֶם: דאַן טאָר אִיך זיך שוין נִיט צוריהרען צו ברויט, צו וויין און צו הייצונג. אִיך, מיין ווייב און מיינע קינדער שטאַרבען דאַן פון הונגער.

פ. — פאַר וועלכע עבירות בעשטראָפט דִיך דיין גאָט מִיט'ן חרם פון אַרבייטס־לאָזיגקייט?

ע. — פאַר קיינע; דער גוטער רצון פון „קאַפּיטאַל" איז גוזר אַנ'אַרבייטס־לאָזיגקייט, און פאַר וואָס קומט אונז אַזאַ גזרה קען אונזער שוואַכער שׂכל נִיט פערשטעהן.

פ. — וואָס טהוסט דו תּפלה צו דיין גאָט?

ע. אִיך בִין נִיט מתפּלל מִיט ווערטער, מיין תּפלה אִיז די אַרבייט. יעדע תּפלה מִיט ווערטער וואָלט שטערען מיין אמת'ער תּפלה, דער אַרבייט — די איינציגע תּפלה, וועלכע קען אָנגענומען ווערען ווייל זי אִיז די איינציגע תּפלה, וועלכע אִיז נוצליך, די איינציגע, וועלכע אִיז געשמאַק דעם „קאַפּיטאַל", די איינציגע, וועלכע בעשאַפט דעם מעהר־ווערט.

פ. — וואו בִיסטו מתפּלל?

ע. — אומעטום; אויפ'ן ים, אויף דער ערד און אונטער דער ערד; אויף די פעלדער, אויף די גרובען, אין די ווערקשטאַטען און אין די קראָמען.

כדי אונזער תּפלה זאָל געהערט און אָנגענומען ווערען, מוזען מִיר אונזער פרייהייט, אונזער כּבוד און אונזער ווילען אַנידערלעגען צו די פיס פון „קאַפּיטאַל".

אויף דעם קלונג פון גלאָק, אויף דעם פייף פון דער מאַשין מוזען מִיר זיך שוין צונויפלויפען, און גלייך, ווי מִיר הייבען אָן אונזער תּפלה, דאַרפען מִיר אָנהייבען, אַזוי ווי די אַוטאָמאַטען, זיך וואַרפען מִיט די הענד און פיס, זיך שאָקלען מִיט אַלע אֵברים, סאַפּען און שוויצען, אָנשטריינגען אונזערע מוסקולען און אויסמאַטערן אונזערע נערווען.

מִיר דאַרפען זיין שפלי־רוח, קליין און נִידעריג ביי זיך אין די אויגען, מִיר דאַרפען שטיל און געהאָרכזאַם איבערטראָגען דעם כּעס און זידלעריי פון אונזער בעל־הבית און פון אונזער מייסטער, ווייל זיי זענען אַלע מאָל גערעכט, האָטש אונז קען אויסוויזען, אַז זיי האָבען אומרעכט.

מיר דאַרפען דאַנקען דעם בעל־הבית, ווען ער רײַסט בײַ אונז אַראָב די שכירות און מאַכט לײַנגער דעם אַרבײַטס־טאָג, ווײַל אַלץ וואָס ער טהוט איז גערעכטיג און צוליעב אונזער טובה ווענען. מיר דאַרפען האַלטען פאַר אַ זכיה, ווען דער בעל־הבית און זײַנע מײַסטערס קושען און האַלזען אונזערע ווײַבער און טעכטער, ווײַל אונזער גאָט, דער „קאַפּיטאַל" שײַנקט זײ דאָס רעכט איבער'ן לעבען און טויט פון זײַערע אַרבײַטער, ווי אויך דאָס רעכט אַוועקצוזיבען די פּרויען־עהרע בײַ זײַערע אַרבײַטערינען.

קײן געפיהל פון אונצופריעדענהײַט טאָר זיך ניט אַראָבגליטשען פון אונזערע ליפען, קײן כעס טאָר ניט אויפקאָכען אונזער בלוט, קײן מאָל טאָרען מיר ניט אַרויסטערעטען אין אַ סטרײַק, קײן מאָל דאַרפען מיר זיך ניט בונטעווען; מיר מוזען אַלע מאָל רוהיג אַריבערטראָגען אַלע צרות און יסורים און שטיל שלינגען אונזער פערדאַרטען, פער־שימעלטען ברויט מיט אונזערע בלאָטיגע און שמוציגע וואַסער. מיר מוזען אַזוי זיך האַלטען, ווײַל צו בעשטראָפען אונזער עזות און הוצפּה בעוואָפענט דער „קאַפּיטאַל" אונזערע בעלי־בתים מיט ביקסען און האַרמאַטען, מיט טורמעס און אָסטראָגען, מיט תליות און גיליאָטינען.

פ. — וועסט דו האָבען שכר אויף „יענער וועלט"?

ע. — יאָ, זעהר אַ גרויסען. דער „קאַפּיטאַל" ערלויבט מיר נאָכן' טויט זיך אַוועקצולעגען און אויסצורוהען. דאָרטען וועל איך שוין מעהר ניט לײַדען ניט פון קעלט, ניט פון הונגער; דאָרטען וועל איך מעהר ניט דאַרפען זאָרגען פאַר דער הזונה, איך וועל גענים דעמאָלט די אייביגע רוה פון קבר.

III. די דרשה פון דער קורטיזאַנקע*).

דער מאַנוסקריפּט (כתב־יד), וועלכען מען האָט מיר איבער־געגעבען, איז ניט פאָלקאָם גאַנץ; די ערשטע דרײַ בלעטער פעהלען. אין דיזע בלעטער איז געוויס געשטאַנען אַ תפלה צום גאָט־„קאַפּיטאַל", דעם בעשיצער פון די פעראַכטעטע. דאָס, וואָס איך האָב אויף מיר גענומען די אויפגאַבע מעהר ניט ווי צו דרוקען די כתבים, וואָס איך

*) קורטיזאַנקע. הייסט אַ פּראָסטיטוטקע (זונה), וועלכע שטעהט אויף אַ העכערער מדרגה, ד. ה. זי פּאַרקויפט זיך די רײַכע און פיהרט אַ ברייטען רײַכען לעבען.

האָב בּעקומען פון דער קאָמיסיע, ערלויבט מיר ניט צו נעהמען אויף זיך די פראַגע ווידער אויפצושטעלען דעם אינהאַלט פון די פער-לוירענע בלעטער.

פון די אַנמערקונגען, וועלכע זענען געמאַכט אויף די זייטען פון די כּתבים, קען מען אַרויסזעהען, אַז דער רעדאַקטאָר פון דיזער דרשה, דער שליח פון פאַבּסט, האָט זיך גענומען אַלס מיטאַרבּייטער דעם ענגלישען פּרינץ פון וואַליס, צוויי רייכע פאַבּריקאַנטען, וועל-כע זענען בּעוואוסט דער גאַנצער וועלט דורך זייערע זיידענס און טוך פאַבּריקען, ה׳ מאַראָזאָוו און ה׳ בּאָנגע און איין בּעריהמטע קור-טיזאַנקע, וועלכע האָט דורכגעהאַט פאַר ליובאָווניקעס די פיינסטע לייט פון דער אַלוועלטליכער אַריסטאָקראַטיע — קאָראַ פּערל.

פּ. ל.

* * *

. . . .

. . . . . מענשען, וועלכע געהען אין דער געדיכטער פינ-סטערניש פון הושכ׳דיגען לעבען און ווערען געפיהרט דורך דעם טונקעלען שיין פון זייער שוואַכען פערשטאַנד, בּאַליידיגען און מאַ-כען צו שפּאָט און געלעכטער די קורטיזאַנקע; זיי בּעשימפען איהר מיט חרפה און בזיונות און שטעלען איהר אַרויס צום שאַנד-סלופּ פון זייער מאָראַל; זיי וואַרפען איהר אין פּנים זייערע כּלומר׳שדיגע מעשים טובים און גיסען אויף איהר אַרויף זייער גאַנצען כּעס און בּייזקייט; פון איהר — זאָגען זיי — שטאַמט אַרויס אַל-דאָס-בּייז און זי איז די מוטער פון יעדער רשעות און אויסגעלאַסענקייט, פון יעדער זנות און צולאָזענקייט; זי פערדאַרבּט די בּליהענדע יוגענד און בּעשמירט מיט שמוץ די גרויהע האָר פון אַ זקן; זי צושטערט דעם שלום צווישען מאַן און ווייב און זויגט אויס מיט איהרע דאָרשטיגע, ניט-זאַט-ווערענדיגע ליפּען דעם גליק און צופריעדענקייט פון דער פאַמיליע.

אָ, מיינע שוועסטער! די ווילדע רציחה מיט דער נידעריגער קנאה פאַרפלעקען מיט בּיטערע און שמוציגע גאַל דעם נאָבּעלען, איידעלען פּנים פון דער קורטיזאַנקע, און דאָך האָט נאָך מיט 19 הונדערט יאָהר צוריק דער לעצטער פאַלשער גאָט, יעזוס דער נוצרי אויפגעהייבען דעם אויסוואורף, דעם שאַנד פון דער מענש-

הײַט, מאַריאַ מאַגדאַלינאַ, און האָט איהר אַנידערגעזעצט אין רעכטען מיטען פּראַכט און גלאַנץ פון גן־עדן צווישען די הייליגע צדיקים און הסידים.

איידער אויף דער וועלט איז אָנגעקומען דער „אמת׳ער גאָט“, איידער עס איז אָנגעקומען דער „קאַפּיטאַל“, האָבען די רעליגיאָנען, וועלכע האָבען געריסען איינע פון די אַנדערע די ערד, און די געטער, וועלכע האָבען זיך איינע נאָך די אַנדערע בעזעצט אין די מענשליכע קעפּ, געהייסען איינשליסען די ווײַבער אין די פרויען־הײַזער (בית־הנשים) און האָבען ערלויבט מעהר ניט ווי די העטערען*) צו עסען די פרוכט פון דעם עץ־הדעת, פון דעם בוים פון וויסענשאַפט און פרייהייט. נאָר די גרויסע געטין פון בבל, מיליטאַ־אַנאַיטיס „די כשוף׳דיגע פאַרפיהרערקע, די יצר־הרע׳דיגע זונה“, האָט באַפעהלען, אַז די „עבודה“ אין איהר טעמפּעל זאָל פאָרקומען דורך זנות. ווען בודדאַ, דער „גאָט־מענש“, איז געקומען אין וועזאַלי, האָט ער זיך בעזעצט ביי דער בעל־הבית׳טע פון דעם הייליגען „בית־הזונות“ (פּראָסטיטוציע־הויז), וואוהין עס פלעגען אָפט קומען די הייליגע כהנים און די אָנפיהרער פון שטאַדט, אָנגעטהון

*) העטערען היסען אויף גריכיש — פריינדינען, און מיט דיזען נאָמען האָבען זיך אין גריכענלאַנד גערופען די פּראָסטיטוטקעס. נאָך גאר אין די אַלטע צייטען, בעת די פרוי איז אין גאַנצען אונטערגעפאַלען אונטער דעם רשות פון איהר מאַן אין האט איהם אַלע מאל געמוזט בלייבען טריי, האט מען אין גריכענלאַנד — כדי מ׳זאָל ניט עובר זיין אויף דעם געבאט פון „אשת איש“ — געגרינדעט עפענטליכע הייזער אונטער דער השגחה פון דער מלוכה, וואוהין מען פלעגט אויפקויפען שיינע שקלאַפינען וועלכע פלעגען זיך פארקויפען די מאנסביל׳ען אין פלעגען זיך רופען העטערען. אין די שפּעטערדיגע צייטען האָבען די העטערען אָנגעהייבען שפּילען אין אנדער ראָלע, זאָס זענען געווען שוין ניט נאָר שקלאַפינען, נאָר אויך פרייע פרויען, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער שיינקייט, בילדונג און טאלענט אין טאנצען, זינגען און מוזיק־שפּיל׳ען אין האָבען געלעבט אין אייגענע הייזער, וועלכע זענען אָפט געווען די רייכסטע און שענסטע פאלאצען פון שטאָדט. די העטערען זענען געווען זעהר געאכטעט פאַר זייער בילדונג, און האָבען געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער געזעלשאַפט, און נאָך מעהר, וויל די „זיטליכע“ בעל־הבית־ישע גריכישע פרויען פלעגען מוזען זיין פאַר־שפּאַט אין זייערע הייזער און זענען געשטאַנען זעהר נידעריג ווי אין בילדונג אזוי אויך אין מאָראל.

אַרײַנגעגעבען דעם געדאַנק אָנצוטהון אויף זיך אַ צלם און צולויפען אין זייערע „בגדי־כהונה". „יעהאָוואַ", דער „אֵל קנא ונוקם", האָט אויפגעהאַלטען אין זײַן בית־המקדש קורטיזאַנקעס*).

בעלויכטען דורך דער שײַן פון דער רעליגיאָן, האָבען די מענשען פון די פאַרצײַטיגע געזעלשאַפטען פאַרגעטערט די קורטיזאַנקע; זי איז בײַ זיי געווען דער רמז, דער צייכען פון דער מאַכט פון דער אייביג בעשאַפענדער און אייביג צושטערענדער נאַטור.

די „אָבות" (פאָטערס) פון דער קאַטוילישער קירכע, וועלכע האָט מיט איהרע בבא־מעשיות און לעגענדעס פערשאַפט תענוג די מענשען קינדער אין דעם משך פון פיעל הונדערטער יאָהרען, האָבען געזוכט דעם רוח־הקודש, די געטליכע בעגײַסטערונג אין זייער צונויפקומען זיך מיט פראָסטיטוטקעס. ווען דער פאַבסט פלעגט צונויפרופען אויף אַ אַסיפה זײַנע גלחים און זײַנע בישאָפען צו פּסק'ענען אַ וויכטיגע שאלה אין די ענינים פון דער אמונה, פלעגען די קורטיזאַנקעס — געפיהרט באצבע אלהים, מיט דעם פינגער פון גאָט — זיך צונויפלויפען פון אַלע עקען פון דער וועלט; זיי פלעגען ברײַנגען אין זייערע אונטער־קליידלעך דעם „רוח־הקודש" און פלעגען בעלײַכטען די מוחות פון די למדנים און מופלגים. דער גאָט פון די קריסטען האָט אַוועקגעגעבען דער פראָסטיטוטקע אויפ'ן קייזערליכען טראָן, טהעאָדאָראַ'ן, די מאַכט און דעם רשות צו קרײַנען און אַראָבצוּוואַרפען די הייליגע פאַבסטען, וועלכע זענען ריין פון אַלע הטאים.

דער „קאַפּיטאַל" אונזער אַלמעכטיגער גאָט, האָט אַרויפגעשטעלט די קורטיזאַנקע נאָך אויף אַ העכערער מדרגה. זי הערשט איצט ניט נאָר איבער אַלטינקע, עובר־בטל'דיגע פאַפּסטען, וואָס פאָבען מיט דער נשמה, נאָר אויך איבער טויזענדער יונגע און שטאַרקע אַרבייטער, וואָס זענען געניט אין יעדער מלאכה און אין יעדער קונסט:

*) דער שליח פון פּיבסט מיינט דאָ דעם פּסוק פון תנ"ך (מלכים ב' קאַפּ. כ"ג, פּ. ז.): „ער (יהושיהו) האָט צושטערט די הייזער פון די זונות, וואָס זענען געווען אין דעם טעמפּעל פון גאָט און אין וועלכע די זונות האָבען געוועבט געצעלטען", אין דעם טעמפּעל פון מיליטא האָבען די קורטיזאַנקעס פון בבל אויך געהאט זייערע באַזונדערע חדרים, וואו זיי פלעגען זיך אָבגעבען מיט זייער הייליגער ספּעציאַליטעט.

כדי צו עֶרפִילֶען אִיהרעֶ תּאוות און קאַפּריזעֶן, כּדי זי זאָל גוט פֶערבּרִיינגעֶן די צײַט, טוּעֶן זיי אַלץ אִין דעֶר וועֶלט: זיי וועֶבּעֶן, נייעֶן, האַפּטעֶן, שניצעֶן, שמִידעֶן גאָלד און אײַזעֶן, שלײַפעֶן דימאַנטעֶן און בּריליאַנטעֶן, בּריינגעֶן פון די טיעפעֶנישעֶן פון ים פּעֶרעֶל און קאַרעֶלעֶן; אִין די שטאַרקסטעֶ ווינטערדיגעֶ פרעֶסט פּראָדוצירעֶן זיי בּלומעֶן פון פריהלינג און פרוכטעֶן פון אָסיעֶן; זיי בויעֶן פּאַלאַזיעֶן, הייננגעֶן קינסטליך אַרום די וועֶנד מִיט די טײַערסטעֶ שטאָפעֶן, פאַרבּעֶן די דעֶכעֶר, מאַכעֶן סטאַטועֶס פון מאַרמאָר, שרײַבּעֶן ראָמאַנעֶן און דראַמאַ'ס, פעֶרפאַסעֶן אָפּעֶראַ'ס, און זינגעֶן, שפּיעֶלעֶן און טאַנצעֶן. סעֶמיראַמידאַ, קלעֶאָפּאַטראַ, אָט דיזעֶ מעֶכטיגעֶ קייזערינעֶן האָבּעֶן קיין מאָל ניט געֶהאַט די מעֶגליכקייט צו שאַפעֶן מיט אַזאַ גרויסעֶ מאַסעֶ פון אַרבּייטעֶר, וואָס זענעֶן אַזוי גוט געֶלעֶרנט צו יעֶדעֶר מלאכה און אַזוי געֶניט אִין יעֶדעֶר קונסט, אַזוי ווי די קורטיזאַנקעֶ פון הײַנטיגעֶר צײַט.

די קורטיזאַנקעֶ — דאָס אִיז די צירונג פון דעֶר קאַפּיטאַליסטישעֶר ציוויליזאַציעֶ. לאָז זי נאָר אויפהעֶרעֶן צו צירעֶן די געֶזעֶלשאַפט — און די בּיסעֶל פריידעֶ, וואָס עֶס אִיז נאָך פעֶרבּליבּעֶן אויף דיזעֶר פינסטעֶרעֶר, טרויעֶריגעֶר וועֶלטעֶל, וועֶט אַוועֶקפליהעֶן ווי אַרויך. די דימאַנטעֶן און בּריליאַנטעֶן, די טײַערעֶ שטאָפעֶן, אויסגעֶנייטעֶ מִיט זײַדעֶנס און מִיט גאָלד, וועֶלעֶן בּלײַבּעֶן אוננוצליך, אַזוי ווי די קינדעֶר־שפּילכעֶלאַך; דעֶר לוקסוס און די קונסט, דיזעֶ קינדעֶר פון דעֶר ליבּעֶ און שיינקײַט, וועֶלעֶן אָנוועֶרעֶן דעֶם גאַנצעֶן טעֶם; אַ העֶלפט פון דעֶר מעֶנשליכעֶר אַרבּייט וועֶט פעֶרלירעֶן איהר ווערט, נאָר כּל־זמן מעֶן קויפט און פאַרקויפט, כּל־זמן דעֶר „קאַפּיטאַל“ פעֶרבּלײַבּט דעֶר העֶרשעֶר איבּעֶר׳ן פעֶרשטאַנד און דעֶר שׂכר־געֶבּעֶר פאַר מצוות און עבירות, וועֶט די סהורה פון ליבּעֶ זיין די טײַערסטעֶ, און די אויסדעֶרוועֶהלטעֶ פון „קאַפּיטאַל“ וועֶלעֶן בּעֶפרידיגעֶן דעֶם דאָרשט פון ליעבּעֶ, וואָס בּרעֶנט אִין זייעֶר האַרצעֶן, מִיט דעֶם אײַז־קאַלטעֶן קוש פון די געֶפאַרבּטעֶ ליפּעֶן פון דעֶר קורטיזאַנקעֶ.

אויבּ דעֶר קריטישעֶר געֶדאַנק וואָלט ניט מאַכעֶן דעֶם מעֶנשעֶן אַזוי פעֶרנאַרעֶשט, אויבּ די אעֶמונה וואָלט פאַר איהם עֶפעֶנעֶן די טהירעֶן פון פעֶרשטאַנד, וואָלט עֶר פעֶרשטעֶהן, אַז די קורטיזאַנקעֶ, צו וועֶלכעֶר עֶס שטרעֶבּט דעֶר בּרעֶנעֶנדעֶר חשק פון די גבירים און מאַכט־האָבּעֶר, אִיז פון די טרײַבּ־קרעֶפטעֶן פון גאָט־„קאַפּיטאַל“ צו בּעֶוועֶגעֶן די פעֶלקעֶר און אומעֶנדעֶרעֶן די געֶזעֶלשאַפטעֶן.

אין די שוואַרצע, פינסטערע צייטען פון מיטעלאַלטער, דאַן ווען דער „קאַפּיטאַל”, אונזער גאָט,, האָט ווי אַ קינד וואָס הייבט אָן זיך דומפּ צו בעוועגען אין דער מוטערס בויך, זיך אָנגעהויבען אויס־בילדען אין דער סודות־פולער פערבאָרגענהייט פון די עקאָנאָמישע פערהעלטניסען, אין דער צייט ווען קיין מענש האָט נאָך ניט געזאָגט קיין נביאות וועגען זיין געבאָרען ווערען, אין דער צייט ווען דעם מענשענס נשמה, ניט וויסענדיג אַז עס איז אַראָבגעקומען אַ גאָט, האָט נאָך ניט געטאַנצט און געשפּרונגען פאַר שמחה, — דאַמאָלסט שוין האָט דער „קאַפּיטאַל” אָנגעהייבען צו קירעווען און פיהרען די טעטיגקייט פון מענשען. ער האָט אַריינגענאָסען אין גייסט פון די אייראָפּעאישע קריסטען אַ ווילדע בעגייסטערונג, וועלכע האָט זיי אַוועקגעשטופּט אויף די וועגען פון אַזיע אין נאָך געדיכטערע מאַסען ווי די מחנות פון מילבען. — אין יענע צייטען זענען די הערשער פון די מענשען געווען גראָבע, ווילדע פריצים־פעאָדאַלען, וועלכע האָבען דעם גאַנצען לעבען פערבראַכט אין זייערע אייזערנע פאַנצירען, אַזוי ווי די טשערעפּאַכע (שילדקראָט) אין איהר שילד; זייערע מאכלים איז געווען מעהר ניט ווי האַרטע, האַלב־געבראָטענע פלייש און זייערע משקאות זענען געווען געדיכט, שמוטציג און שטאַרק; קיין גרעסער פערגעניגען איז פאַר זיי ניט געווען ווי נאָר צו שטעכען זיך מיט שפּיזען, און דער בעסטער לוקסוס זייערער איז געווען אַ שאַרפער, בליאַסקענדער שווערד. כדי אַ ריהר צו טהון דיזע גראָבע מענשען פון זייער אָרט, האָט אונזער גאָט געדאַרפט זיך אַראָבלאָזען ביז דער מדרגה פון זייער פערשטאַנד, וועלכער איז געווען האַרט און שווער אַזוי ווי בליי: ער האָט זיי אַריינגעגעבען דעם געדאַנק אָנצוטהון אויף זיך אַ צלם און צולויפען אין פּאַלעסטינאַ בעפרייען געוויסע שטיינער פון אַ קבר, וואָס האָט קיין מאָל ניט עקסיסטירט. גאָט האָט געוואָלט זיי צופיהרען צו די פיס פון די קורטיזאַנקעס פון די מזרח־לענדער, איינצושיכור'ען זיי מיט לוקסוס און תענוגים און איינצופּלאַנצען אין זייער האַרצען די געטליכע תאוה, די ליבע צו גאָלד, בשעת זיי האָבען, נאָך מיט צורייצטע געפיהל־ען פון די גאָלד און פורפור, פון די אַראַבישע בשמים און געווירצען און פון די הייסע קושען פון די דאָרטיגע קורטיזאַנקעס, זיך אומגעקעהרט צוריק אין זייערע פינסטערע טורעמס, וואו עס האָבען נאָר געקוואָקעט און געקרעכצט פערשידענע נאַכטפויגלען, איז זיי נמאס געוואָרען און עס האָט זיי אָנגעהייבען עקלען פון זייערע גראָבע, שווערע, ניט ריהרעוו־

דיגע ווײַבער, וועלכע האָבען פֿון קיין אַנדער זאַך ניט געוואוסט ווי נאָר צו טראָגען און צו האָבען קינדער: זיי האָבען זיך אָנגעהייבען שעמען פֿאַר זייער ווילדקייט און באַרבאַריי, און ווי אַ יונגע מוטער, וועלכע גרייט צו אַ ווינגעלע פֿאַר איהר קינד, וואָס האַלט בײַ געבאָרען ווערען, האָבען זיי געבויט שטעדט אויפ'ן ברעג פֿון מיטעל־לענדישען ים, זיי האָבען בעשאַפֿען די קייזערליכע און פֿירשטליכע הויפֿען פֿון אייראָפּאַ צוליב דעם אַראָבקומען פֿון דעם גאָט — „קאַפּיטאַל".

איך זאָג אייך בנאמנות, די קורטיזאַנקע איז טײַערער פֿאַר אונזער גאָט, איידער דאָס געלד פֿון אַקציעס פֿאַר דעם פֿינאַנסיסט; זי איז זײַן געליבטע טאָכטער, די טאָכטער, וועלכע היט אָב בעסער איידער אַלע אַנדערע פּרויען זײַן געבאָט און טוט זײַן רצון. די קורטיזאַנקע האַנדעלט מיט אַ זאַך, וועלכע מען קען ניט וועגען, מען קען ניט מעסטען, זי האַנדעלט מיט אַ זאַך, וואָס איז ניט מאַטעריעל, וואָס גיט זיך ניט אונטער די הייליגע געזעצען פֿון בײַטען איין סחורה אויף אַ'ן אַנדער סחורה: זי פֿאַרקויפֿט ליבע, אַזוי ווי דער קרעמער פֿאַרקויפֿט זייף און הלב'נע ליכט און אַזוי ווי דער פּאָעט פֿערקויפֿט שטיקלאַכווייז זײַן אידעאַל. נאָר פֿערקויפֿענדיג די ליבע פֿאַרקויפֿט די קורטיזאַנקע זיך אַליין; דערמיט גיט זי דעם פֿרויען־מין אַ ווערט, איהר מין בעקומט שוין אַלזאָ די איינגענשאַפֿטען פֿון אונזער גאָט, ער ווערט אַ טהייל פֿון גאָט, ער איז „קאַפּיטאַל". די קורטיזאַנקע פֿערקערפּערט אין זיך „גאָט".

אָ, פּאָעטען, אָ, דראַמע־שרײַבער, אָ, ראָמאַן־שרײַבער! איהר זײַט נאָך נאַרישער ווי די בהמות אין פֿעלד, איהר, וואָס זידעלט די קורטיזאַנקע דערפֿאַר, וואָס זי גיט איבער איהר קערפּער ניט אַנדערש ווי פֿאַר מזומנים; איהר, וואָס פֿערוואַרפֿט איהר מיט בלאָטע דערפֿאַר, וואָס זי שאַצט איהר ליעבע מיט הויכע פּרײַזען. איהר ווילט אַלזאָ, אַז זי זאָל מהלל זײַן דעם געטליכען חלק, וועלכען זי האָט אין דער געשטאַלט פֿון איהר קערפּער, איהר ווילט זי זאָל איהם מאַכען וועלוועלער ווי די שטיינער פֿון ברוק. איהר, מאָראַליסטען, וואָס אײַער הארץ איז אַ חזיר־שטאַל, וואו עס פּיטערט זיך דער יצר־הרע, איהר וואַרפֿט איהר אויף, וואָס בײַ איהר איז טײַערער ריינע גאָלד איידער אַ האַרץ וואָס ברענט פֿון ליעבע. איהר, טעמפּע פֿילאָזאָפֿען, האַלט אַלזאָ די קורטיזאַנקע פֿאַר אַ רויב־פֿויגעל, וואָס זעטיגט איהר הונגער מיט נאָך האַרעמע ציטערענדע פֿלייש? איהר אַלע, וואָס איהר ווערגט זיך פֿאַר קאַרגקייט, ועכענט איהר דען, אַז די קורטיזאַנקע וועט זײַן ווייניגער

יצר־הרע׳דיג דערפאר, וואס מען מוז איהר קויפען? קויפט מען דען ניט דעם ברויט, וועלכער שפייזט דעם גוף, דעם — וויין, וועלכער מאכט פרייליך די הארץ? קויפט מען דען ניט דעם יושר פון דעפוטאט, די תפלה פון גלח, דעם מוט פון סאלדאט, די קענטניש פון אינזשענער, די עהרע פון קאסיר?

גאט־קאפיטאל פארשילט די פראסטיטוטקעס, וואס פערקויפען זיך פאר א פאר רובל, פאר א פאר גילדענס צו די ארבייטער און סאלדאטען; שרעקליכער ווי דער מלאך־הדומה פיינינט ער דיזע בהמות בצורת מענש, וועלכע דינען פאר דעם פערגעניגען פון די קבצנים, ער פערסמ׳ט זייער הויט מיט כל המינים ווענערישע קרייניק, ער גיט זיי איבער אין די הענד פון די וואוילע יונגען, וועלכע שלאגען זיי און ראבעווען זיי; ער שטעלט זיי אונטער דער השגחה פון דער פאליציי, פונקט ווי די פארפוילטע פלייש פון מארק.

אבער די קורטיזאנקע, אויף וועלכער עס רוהט די אמת׳ע גנאד פון גאט־קאפיטאל, פערשטאפט זיך די אויערען און וויל גאר ניט הערען פון אייער מוסר און פון אייערע קעלבערנע דרשות, וואס זענען נאך א כך אומזיסטער איידער די קולות פון א גאנז, וועלכע מען פליקט; זי באדעקט איהר נשמה מיט א דיקען אייז, וועלכען קיין פייער פון א ליעבענס־תאוה קען ניט מאכען צוגעהן, ווייל וועה און ווינד איז צו דער קאמעליען־דאמע*), וועלכע גיט זיך אב, אבער פער־קויפט זיך ניט. גאט קעהרט אב זיין פנים פון דער פערליעבטער קורטי־זאנקע, וועלכע הלש׳ט אוועק נאך איהר געליעבטען; אויב איהר הארץ קלאפט און איהרע געפיהלען רעדען פון ליעבע — איז זי א פערפאלענע, ווייל דער קויפער פון ליעבע, אריינקומענדיג צו איהר נאכ־דעם, ווי דער געליעבטער פון הארצען איז ארויסגעגאנגען, וועט צו זיין פערדראס און אונצופרידענהייט געפינען אנשטאט א פרישע סחורה מעהר ניט ווי א אבגעשוואכטען און פערשמאכטען קערפער.

די קורטיזאנקע ציהט אויף זיך ארויף ווי א פאנצער א אנ־ציהענדע, הנ׳עוודיגע קאלטקייט, כדי איהר פארצעליינענעם קערפער,

*) די קאמעליען־דאמע — אזוי הייסט די העלדין פון א ראמאן און א דראמע פון דעם פראנצויזישען שריפטשטעלער דיומא. דאס איז א קורטיזאנקע, וועלכע פארליבט זיך אין איינעם פון איהרע „גיסט" און צו־ביעכט זיך דורך דעם איהר איינענעם לעבען, ביז זי שטארבט אוועק אין די בליהענדסטע יאהרען פון סוכאטע.

איבער וועלכען די תאוה פאַכט ניט מיט איהר פליגלען, זאָלען די קויפער כסדר קושען מיט זייערע ברענענדע ליפען און דאָך ניט קענען איינשטיל- ען דעם העלישען פייער פֿון זייער תאוה. זייער ליעבע-שכרות דאַרף זיך ביי זי נעהמען פֿון די צוקאָכטקייט פֿון זייער אייגענער בלוט, און ניט פֿון דעם היץ פֿון איהר האַלדזען און פֿון דעם ברען פֿון איהר קושען, ווייל בעת דער קויפער שלינגט די קושען פֿון איהר פערקויפטען גוף, דאַרף איהר פרייע נשמה טראַכטען וועגען דעם געלד, וואָס ער איז איהר שולדיג. די קורטיזאַנקע באַשווינדעלט די, וועלכע קויפען איהר: זי צווינגט זיי צו צאָהלען איהר מיט געלד פאַר דעם תענוג פֿון ליעבע, וואָס זיי גיסען אין זיך אַליין אריין. און ווייל בשעת זי פערקויפט די ליעבע עקסיסטירט נאָך די פאַרקויפטע סחורה ניט, בענטשט איהר דערפאַר אונזער גאָט „קאַפּיטאַל", ביי וועלכען גנבה און שווינדעל זענען די ערשטע רעליגיעזע מעשים טובים.

פרויען וואָס הערען מיך! איך האָב אייך מגלה געווען דעם סוד פֿון דער רעטעניש-פולען קאַלטקייט פֿון דער קורטיזאַנקע, פֿון דער פערשטיינערטער קורטיזאַנקע, וועלכע לאַדט איין דעם גאַנצען קלאַס פֿון די אויסדערוועהלטע פֿון „קאַפּיטאַל" אויף דער סעודה פֿון איהר קערפער און זאָגט: „נעהמט, עסט און טרינקט, דאָס איז מיין פלייש און דאָס איז מיין בלוט*).

* *

*

די טרייע און גוטע בעל הבית'טע, וועלכע די גאַנצע וועלט גיט אָב כבוד מיט'ן מויל, נאָר פֿון וועלכער אַלע סטאַרען זיך צו אַנט- לויפען און מען לאָזט איהר איבער אויסצוגעהן ווי אַ ליכט ביי דעם פאַמיליען פייער, טהיילט אָב דעם מענשען פֿון זיינע גלייכען, דער- וועקט און ענטוויקעלט אין זיין האַרץ קנאה און שנאה, — דיזע אַנטי- סאָציאַלע ליידענשאַפטען, וועלכע פאַר'סם'ען מיט גאַל זיין בלוט, און צווינגען איהם צו זיין ביי זיך אין שטוב ווי אין אַ תפיסה; זי פאַרמויערט איהם אין פאַמיליען-עגאָאיזם. די קורטיזאַנקע, פערקעהרט,

*) דאס זענען די ווערטער פֿון יעזוס-קריסט, וועלכע ער האט געזאגט צו זיינע תלמידים פסח צום סדר, אין דער נאַכט ווען מען האט איהם אַרעסטירט.

בּעֶפרײַט דעֶם מאַנסבּיל פון פאַמיליעֶן־יאָך און תאוה.

געֶלד טהײלט פאַנאַנדעֶר די מעֶנשעֶן, פעֶרגרעֶסעֶרט דעֶם שטח פון אײנעֶם בּיז'ן צווײטעֶן, אָבּעֶר די קורטיזאַנקעֶ איז מקריב מעֶנשעֶן, פעֶראײניגט זײ. די מעֶנשעֶן, וואָס זעֶנעֶן פײַנדליך אײנעֶר צום אַנדעֶרעֶן צוליעב געֶגעֶנזײַטיגעֶ אינטעֶרעֶסעֶן אין געֶשעֶפט, כאַפּעֶן זיך אַרום ווי בּרידעֶר בּײַ איהר אין שלאָף־צימעֶר: עֶס פעֶראײניגט זײ דעֶר געֶהײמעֶר, טיעפעֶר, אונפעֶרמײַדליכעֶר פעֶרבּאַנד, וואָס זײ אַלײן פעֶרשטעֶהעֶן ניט; זײ האָבּעֶן געֶגעֶסעֶן און געֶטרונקעֶן די זעֶלבּיגעֶ קורטיזאַנקעֶ; זײ האָבּעֶן זיך מתוַדה געֶוועֶן אין דעֶם זעֶלבּיגעֶן מקום קדוש.

די ליעבּעֶ, אָט די דאָזיגעֶ ווילדעֶ און גראָבּעֶ תאוה, וואָס פעֶרדונקעֶלט דעֶם מעֶנשעֶנ'ס שכל, טרײַבּט איהם צו פעֶרגעֶסעֶן, מקריב צו זײַן די אײגעֶנעֶ אינטעֶרעֶסעֶן; אָבּעֶר די קורטיזאַנקעֶ גיט אַנשטאָט דעֶר ליעבּעֶ אַ לײַכטעֶ, קלײן־בּירגעֶרליכעֶ, בּעֶקוועֶמעֶ און געֶקויפטעֶ ליעבּעֶס בּעֶציהונג; אַזאַ ליעבּעֶ בּרויזט ווי זעֶלצעֶר־וואַסעֶר, אָבּעֶר אָנשכּור'ן — דאָס ניט.

די קורטיזאַנקעֶ איז אַ כשר'עֶ מתנה פון גאָט־קאַפּיטאַל; זי רײַצט איהרעֶ „בּחורים“ אויף אויסצוקלעֶהרעֶן אַלץ נײַעֶ און נײַעֶ לוקסוס און תענוגים אין מסכתא זנות; זי בּעֶפרײַט זײ פון זײעֶרעֶ געֶזעֶצליכעֶ ווײַבּעֶר, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן לאַנגווײַליג ווי די אָסיעֶנדיגעֶ רעֶגעֶנס, וואָס ציהעֶן זיך אָן אָ'ן עֶק. ווען עֶס קומט אָן די עֶלטעֶר און דעֶר פּנים בּעֶדעֶקט זיך מיט קנײטשעֶן, און די לײַבּ ווערט אײַנגעֶשרומפּעֶן, וועֶן דעֶר גלאַנץ פון די אויגעֶן ווערט פעֶרלאָשעֶן, וועֶן די גליעדעֶר הערעֶן אויף צו ריהרעֶן זיך פלינק און דעֶר אָטהעֶם פעֶרליערט זײַן ווײכקײַט, וועֶן בּײַ זײעֶרעֶ ווײַבּעֶר קעֶהרט די גאַל קוקעֶנדיג אויף זײ, דאַן איז די קורטיזאַנקעֶ פאַר זײ אַ טרײסט אין די יסורים פון די אַלטעֶ יאָהרעֶן; איהר קאַלטעֶ לײַבּ, וואָס האָט פאַר קײן זאַך קײן שום מורא ניט, פעֶרשאַפט זײ אויף קורצעֶ צײַט אַ פעֶרגעֶניגעֶן, פאַר וועֶלכעֶן זײ בּעֶצאָהלעֶן מיט מזומנים.

די קורטיזאַנטיקעֶ איז טהעֶטיגעֶר פון די פעֶרמעֶנטעֶן, וואָס אַרבּײטעֶן אויס דעֶם יונגעֶן ווײַן: עֶשירות לאָזט זי אַוועֶק זיך דרעֶהעֶן מיט שנעֶלקײַט, פון וועֶלכעֶר עֶס שווינדעֶלט אין די אויגעֶן; מיט'ן כּח פון אַ ווילדעֶן שטורמווינד וואַרפט זי זיך אַרום מיט מיליאָנעֶן, בּרײנגט אויס מורא'דיגעֶ אוצרות; גאָלדגריבּעֶר, זאַוואָדעֶן, בּאַנקעֶן, פּראָצעֶנט פּאַפּיערעֶן פון דעֶר מלוכה, ווײַנגעֶרטנעֶר און פעֶלדעֶר צוגעֶהעֶן אײנס און צוויי בּײַ איהר אין די העֶנד, ווערעֶן צוריסעֶן צווישעֶן די

פינגער און פערשפרייטען זיך איבער טויזענדער קאַנאַלען פון האַנדעל און אינדוסטריע. בּיי אַ גע'פּגר'טען נפש איז וואַלד קומען זיך צונויף וועניגער ווילדע חיות, ווי די מהנות בּעדיענטע, סוחרים, פּראָצענט-ניקעס, וואָס דרעהען זיך אַרום איהר און צאַפּען פון איהר די דמים; זיי האַלטען אָפּען זייערע טיפע קעשענעס, אַז עס זאָלען אַהין אַריינפאַלען אַ פּאָר טראָפּענס פון גילדענעם רעגען, וואָס גיט זיך אַ גאָס, ווי זי טהוט נאָר אַ דריי מיט'ן קלייד. אין מסירת נפש קאָן מען זיך פון איהר אַ מוסר אַראָבּנעהמען: זי שטעלט בּדלות איהרע פאָלובּאָוניקעס, כּדי רייך צו מאַכען די בּעדיענטע און העֶנדלער, וועלכע רייסען פון איהר די הויט.

די קינסטלער און סוחרים וואָלטען פערגליוועֶרט געוואָרען מיט זייערע פולע מאָגענס, ווען די קורטיזאַנקע זאָל זיי ניט צווינגען אָנצו-שטרענגען דעם מה אויף אַרויסצובּרייננגען שפּאָגעל-נייע תּענוּגים און צאַצקעס: וויַיל אין איהר שטענדיגער יאָגעניש נאָך נייע זאַכען, איז נאָך ניטאָ קיין איינע, וואָס זאָל איהר ניט מיאוס ווערען ווי זי האָט זיך דער-מיט אָבּגעשפּיעלט אַ קורצע צייט; פאַר איהר איז ניטאָ קיין איין פערגניגען, וואָס זאָל איהר די מינוט ניט ווערען איבּערדריסיג.

די מאַשין, די פערשפּאָרעקע פון האָרעוואַניע, וואָלט געבּראַכט די אַרבּייטער און אַרבּייטערינען צו דער גרויסער עבירה אַרומצוגעהען פוסט-און-פּאַסט אַ'ן עבירה — וואָס איז די מאַמע פון אַלע אַנדערע עבירות; אָבּער די קורטיזאַנקע האָט געמאַכט פון דער לוסט צו פער-שווענדען געלד אַ שטיק אַרבּייט, וואָס איז זעהר נוצליך פאַר'ן כּלל, און וואָס מעהר עס ווערט ענטוויקעלט די מעכאַנישע אינדוסטריע, לעֶבּט זי אַליין מיט אַ גרעסערען לוקסוס, קריגט זי אַליין העֶכערע פּאָדערונגען, אָבּער אויך נאָר צוליעֶבּ דעם, אַז די פּראָלעטאַריער, וועלכע זענען פער'משפּט צו ליידען צרות, זאָלען האָבּען געֶנוּג וואָס צו טהאָן, — און אַרבּייט איז דאָך דער קוואַל פון מצוות און מעשׂים טובים.

די בּעלי-הבּתים פון פאַבּריקען און מאַגאַזינען פערגעטערען די קורטיזאַנקע, וועלכע פרעסט אויף גאַנצע פערמעגענס, וועלכע פער-דאַרבּט און צושטערט אַלצדינג, ווי אַ היל אין דער צייט פון קריעג; זי איז דער זיסער מלאך, וואָס האַלט אויף דאָס לעֶבּען און די קרעפ-טען פון האַנדעל און אינדוסטריע.

די מדות טובות, וועלכע די אמונה קאַפּיטאַל לערנט, איז ריינער און ערהאַבּענער, ווי די תּורות פון די פאַלשע אמונות פון די

פריהערינגע צייטען; זי אַנערקענט ניט, אַז אַלע מענשען זענען גלייך: דער מיעוט, דער גאָר־גאָר קלײנער הויפעלע מענשען, איז אויסגעקליבען צו בעקומען אויסשליסליך פון קאַפּיטאַל זײנע הסדים.

די קורטיזאַנקע טאָר זיך ניט פערשוועכען (מהלל זײן) מיט די קוּשען פון אַ פּויער, אַ פּראָסטען נפש, ווײל גאָט־קאַפּיטאַל האַלט נאָר פאַר די יחידי־סגולה די קאָסטבאַרע און עדעלע מתנות פון נאַטור און קונסט.

אויב די קורטיזאַנקע, וואָס ווערט בעהיט פון גאָט ברוך־הוא אַלײן אויף צו דערפרײען די הערצער פון די רײכע און מעכטיגע, און איז בעשטימט געוואָרען אַרונטערצורײסען דעם שלײער פון דעם צבועצסטווע פון דער געזעלשאַפט, צו דערגײן דעם תהום פון דעם מענשען'ס לומפּערײ, וואָס רופט נאָר אַרויס עקעל, דערפאַר אָבער לעבט זי אין לוקסוס און שטענדיגע הולאַנקעס; יחסנים און נגידים, מענשען מיט אַ גרויסען נאָמען געהען אויס פאַר איהר, אַז זי זאָל זײ בעעהרען און אָנשטאָט צו זײן „מאַדאַם כל הארץ" זאָל זי ווערען „מאַדאַם פלוני אַלמוני"; זי לאָזט זיך אײנרײדען און די שמוציגע הולטײסטוועס ענדיגען זיך מיט אַ גאָטס־פאַרכטיגען חופּה וקידושין כדת משה וישראל. ווען זי איז יונג, לײגען אַוועק די קאַפּיטאַליסטען בײ איהרע פיס זײער האַרץ, אויף וואָס זי וויל ניט קוקען אַפילו, און די עשירות זײערע, וואָס זי לאָזט אַוועק אויפ'ן ווינד; די פערטרעטער פון קונסט און ליטעראַטור דרעהען זיך אַרום איהר און הנאָ'נען זיך צו צו איהר מיט ערקלערונגען, אַז זײ זענען איהר טרײ ווי שקלאַפען; זײ טהוען דאָס, פערשטעהט זיך, ניט פון מצוה וועגען. ווען עס קומט אָן די עלטער און זי ווערט מיעד און אָבגעלאָזען, פערמאַכט זי די קראָם און הויבט אָן אײנצולאַדען געסט: מענער השובים און פרויען־צנועות הויבען זיך אָן מתחתן זײן מיט איהר, ווערען מורא'דיג גוטע פרײנד, דאַוונען טאָג ווי נאַכט פאַר איהר— זײ גיבען דאָס אָב דערמיט כבוד צו איהרע עשירות—דעם כשר'ען שכר פאַר איהר געשלעכטליכע אַרבײט.

גאָט שיט אויס אויף דער קורטיזאַנקע זײנע הסדים; אויב זי האָט ניט געקראָגען פון דער נאַטור שײנקײט און שכל, גיט ער איהר דערפאַר אויסערליכען גלאַנץ, פעפערדיגען חן, פערקריפּעלקײט און גראָבקײט פון געשלעכטליכען געפיהל—אַלץ אַזעלכע מעלות און סגולות, וואָס קענען אי בעצויבערען, אי פערשקלאַפען די אײדעלע נשמה פון דעם קאַפּיטאַל'ס יחידי סגולה.

נאָט האָט פערהיט די קורטיזאַנקע פון די שוואַכקייטען, וואָס זענען פערבינדען מיט איהר געשלעכט. די נאַטור — די שטיפמאַמע — האָט אַרויסגעלייגט אויף דער פרוי די עבודת פרך פון געווינערינס: אָבער די שרעקליכע יסורים פון קינדלען, קומען אָן נאָר אַ לובאָווניצע און אַ ווייב. גאָט דער באַרעמהערציגער האָט בעהיט די קורטיזאַנקע פון דעם מיאוס'ען אויסזעהען פאַר אַ מעוברת, פון די סכנות נפשות פון אַ קינדבעטאָרין: ער מאַכט זי פאַר אַנ'עקרה — און דאָס איז גאָט'ס גרעסטע גנאָד. ניט די קורטיזאַנקע, נאָר די לובאָווניצע און די אשת איש, דאַרפען היים מתפלל זיין צו דער הייליגער בתולה מרים: „דו גאָט'ס מאַמע, דו בתולה, וואָס דו האָסט געטומען טראָגען אָהן אַ מאַן, פיהר אויס ביי גאָט, אַז איך זאָל קענען זינדיגען און ניט ווערען מעוברת*).

די קורטיזאַנקע איז אַ בעשעפעניש פון דריטען געשלעכט — ניט קיין מאַן און ניט קיין פרוי; זי לאָזט איבער פאַר דער פראָסטער פרוי די שמוציגע און שווערע אַרבייט פון האָבען קינדער.

צופעליג ווערען אַריינגעשטויסען אין דער אַרמעע פון די קורטיזאַנקעס אויך פרויען פון די נידעריגע קלאַסען. עס איז פשוט אַ שאַנדע און אַ פערדרוס, אַז די, וואָס פערנעהמען אַזאַ בכבוד'יגען פלאַץ אין דער שיינער געזעלשאַפט, זאָלען נאָר פיהרען זייער יחוס חער וויים פון וואָס אַ בלאָטע.

איהר פרויען, וואָס איהר הערט מיינע רייד, וואָס איהר געהערט צו די העכערע קלאַסען, דערמאָנט זיך נאָר אָן דעם, אַז די אַלטע אַריסטאָקראַטיע האָט אויפגעוואָרפען לודאָוויג'ען דעם 15־טען, דאָס ער האָט זיך גענומען קעבס־ווייבער פון פערשידענע קרייזען; לאָזט וויסען בקול רם ונורא, אַז עס איז אייער טייערסטע פריווילעגיע — צו האָבען דאָס רעכט און די עהרע צו ליפערען קורטיזאַנקעס פאַר די יחידי סגולה פון קאַפּיטאַל. צווישען אייך געפינען זיך שוין איצט אַ פולע, וואָס טרייסלען זיך אָב פון די אומעטיגע פפליכטען פון אַ ווייב אין הויז און פערקויפען זיך פאַר קורטיזאַנקעס; אָבער זיי האַנדלען מיט זייער געשלעכט מיט פחד, מיט צבוע'צסטווע. נעהמט זיך אַראָב

*) די בעלי אסיפות האבען זיך בעגייסטערט מיט די געדאנקען פון אוגוסט קאָנט. דער גרינדער פון דער פאָזיטיווער פילאָזאָפיע האָט נביאות געזאָגט, אַז עס וועט אויפקומען אַנייער מין פרויענצימער, וועלכע וועלען ניט וויסען פון דעם צער פון טראָגען און האָבען קינדער, די קורטיזאַנקע פיהרט דורך אין לעבען דעם אידעאַל פון דעם בורזשואַזנעם פילאָזאָף.

אַ מוסר פון די השובע, בכבודיגע מאַטראָנען פון אַלטען רוים, וועלכע פלעגען זיך פערשרייבען ביי די עדילען אום צו בעשעפטיגען זיך מיט דער מלאכה פון קורטיזאַנקעס; טרייסעלט אָב פון זיך, צוטרעט אונטער די פיס די אידיאָטישע און פערשימעלטע פאָראורטיילען, וואָס זיי פאַסען נאָר פאַר שקלאַפען. גאָט־קאַפּיטאַל האָט געבראַכט דער וועלט אַ נייע מאָראַל; ער האָט געגעבען דער וועלט אַ נייע תורה: דער מענש איז פריי; זייט וויסען, אַז ווערען פריי קען מען נאָר דאַן, ווען מען האָט ע־וואָרבען דאָס רעכט צו פערקויפען זיך, טאָ פערקויפט זיך, כדי בעפרייט צו ווערען פון דער שקלאַפערייַ פון פאַמיליען־לעבען. אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט געפינט איהר ניט קיין השוב׳ערע אַרבייט, איידער די אַרבייט פון אַ קורטיזאַנקע. טהוט אַ קוק אויף די מלאכה פון אַנ׳אַרבייטערין און דערנאָך בעטראַכט מיט קאָפּ, אין וואָס עס בעשטעהט די מלאכה פון אַ קורטיזאַנקע. נאָך אַ לאַנגען און שווערען טאָג אַרבייט האַלט זי, די בלאַסע, אויסגעמאַטערטע און פון אַלעמען פעראַכטעטע אַרבייטערין, דאָס קלאָגענדיגען פערדיענסט אין איהר אויסגעמאָגערטער האַנד, וואָס עס קלעקט נאָר ניט אויסצוגעהען, פון הונגער. פול מיט פרייד, ווי אַ יונגער גאָט, הויבט זיך אויף די קורטיזאַנקע פון בעט אָדער פון קושעטקע, מאַכט צורעכט די האָר און מיט אַ נאָכלעסיגער מינע ציילט זי איבער די גילדענע מטבעות און באַנק־פּאַפּירען. איהר אַרבייט האָט ניט איבער געלאָזט נאָך זיך קיין איין פלעק, קיין שום שאָטען פון מידקייט. זי שווענקט אויס די מויל, ווישט אויס די ליפען און זאָגט מיט אַ שמייכעל: צום צווייטען!

איהר, מעלה־גרה׳דיגע פילאָזאָפען, וואָס איהר ווערט נישט מיעד מעלה־גרה צו זיין די פערשימעלטע חוקים ומשפטים פון דער מאָראַל פון דער אַלטער וועלט, זאָגט־זשע אונז, וואָסער מלאכה איז מעהר אַנגענעהם אונזער גאָט־קאַפּיטאַל — די מלאכה פון אַנ׳אַרבייטערין, אָדער די מלאכה פון אַ קורטיזאַנקע?

וואָס העכער עס איז דער פּרייז פון אַ שטיקעל סחורה, איז די סחורה אַלץ ליבער דעם קאַפּיטאַל. נו־זשע, איהר צבועים־מאָראַליסטען, געפינט אַדרבא אין דער לאַנגער רשימה פון מענשליכע בעשעפטיגונגען אַ האַנד־אַרבייט אָדער אַ קאָפּ־אַרבייט, וואָס זאָל געבען אַזאַ גרויסען פערדיענסט, ווי די געשלעכטליכע אַרבייט? האָט זיך דען ווען עס איז בעצאָהלט אַזוי טייער ווי די קושע פון

קאָראַ פערל די ווִיסענשאַפט פון אַ געלעהרטען, די גבורה׳שאַפט פון אַ סאָלדאַט, דער ושעני פון אַ שרייַבער, די קונסט פון אַני־אַרבייטער?

די מלאכה פון דער קורטיזאַנקע איז אַ היילִיגע מלאכה, און גאָט־קאַפּיטאַל בעצאָהלט פאַר איהר מיט אַ גרעסערען פרייַז, ווי פאַר איטליכע אַנדערע אַרבייט.

מייַנע ליעבע שוועסטער, העֶרט זיך צו צו מייַנע רעד, העֶרט, וואָס איך זאָג אייך, גאָט אַליין רעדט צו אייך מיט מייַנע ליפען:

אויב גאָט האָט אייך אַזוי פערלאָזען און אייך קעהרט ניט די גאַל פון דער אַרבייט פון אַ האַנד־אַרבייטערין, וואָס מאַכט מיאוס דעם קערפער און הרג׳עט אַזוי די גייסטיגע פעהיגקייטען, זאָלט איהר ניט ווערען קיין קורטיזאַנקע.

אויב גאָט האָט אייך אַזוי פערלאָזען, אַז איהר רייַסט זיך צו דער צרה׳דיגער עקסיסטענץ פון אַ בעל־הבית׳טע, וועלכע איז פערמויערט אין שטוב ווי אין אַ טורמע און זעהט נאָר צו שפּאָרען און לעבען אין קמצנות, זאָלט איהר ניט ווערען קיין קורטיזאַנקע.

אויב גאָט האָט אייך אַזוי פערלאָזען, אַז איהר ווילט זיך לעבען פאַר זיך, בעשיצענדיג דאָס שמאָלע ווינקעל, וואָס אייער מאַן האָט אַוועקגעוואָרפען, אום צו פטר׳ען אייער נדן מיט אַ קורטיזאַנקע, זאָלט איהר ניט ווערען קיין קורטיזאַנקע.

אָבער ווען איהר קימערט זיך וועגען אייער פרייַהייט, מענשען־ווערט, כבוד און גליק בעולם־הזה — ווערט אַ קורטיזאַנקע.

ווען איהר זייַט צו גרוים בייַ זיך, אַז איהר זאָלט מרוצה ווערען צו טהון די שמוציגע אַרבייט פון אַ האַנד־אַרבייטערין אָדער אַ בעל־הבית׳טע אין שטוב, אַנ׳אַרבייט, וועלכע איז פשוט אַנ׳ערנידערונג און פערקריפּעלט דעם מח, און עס עקעלט דערבייַ — ווערט אַ קורטיזאַנקע.

ווען איהר ווילט זייַן אַ קייזערינע פון די יום־טובים און תענוגים פון דער ציוויליזאַציע — ווערט אַ קורטיזאַנקע.

און דער רוח־הקודש וועט אייך מצליח זייַן. אָמן סלה.

IV. קהלת אדער דער ספר פון דעם קאַפּיטאַליסט.

דער דאָזיגער ספר איז איבערגעװען אין די הענד פון פיעל קאַפּיטאַליסטען, װעלכע האָבען איהם דורכגעלעזען און געמאַכט בעמערקונגען. אָט זענען איינינגע פון זיי:

„עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז די דאָזיגע תקנות פון גאָט'ס השפעה װאָלט ז'ער גראָבער שׂכל פון געדונגענע אַרבייטער אויסגעפּשט'עלט אין אַ שלעכטען זין. מיין מיינונג איז, אַז מען דאַרף די תקנות איבערזעצען אין װאָלאַפּוק *) אָדער אין אַנ'אַנדערע הייליגע שפּראַך".

אונטערגעשריבען: זשיול סימאָן.

„עס װאָלט געװען אַ יושר זיך אַ מוסר אָראָבצונעהמען פון די יודישע תנאים, װעלכע האָבען פערבאָטען אַנ'עם־הארץ אַריינקוקען אין ספר קהלת, און ערלויבען לייענען ספר קאַפּיטאַליסט נאָר די, װעלכע זענען בעקאַנט מיט די סודות פון דער אמונה און פערמעגען ניט װיניגער פון אַ מיליאָן".

אונטערגעשריבען: בלייכרעדער.

„נאָך מיין מיינונג נאָך, איז אַ מיליאָן פראַנק אָדער מאַרק אַ צו קליינע מטבע, איך שלאָג פאָר אַ מיליאָן דאָלאַר".

אונטערגעשריבען: דזשוי גולד.

I. די נאַטור פון גאָט־קאַפּיטאַל.

1) לעג אַריין דיין קאָפּ אין די װערטער פון גאָט, אין די װערטער פון קאַפּיטאַל.

2) איך בין גאָט — דער מענשען־פרעסער; איך זעץ זיך אַװעק ביי'ם טיש אין די װערקשטאַטען און פרעס־אויף די געדונגענע אַרבייטער. דאָס צרה'דיגעס לעבען פון האָראָפּאַשניק פערוואַנדעל איך אין געטליכען קאַפּיטאַל. איך בין אַ געהיימניס אָהן אַ סוף: מיין אייביגער װעזען איז ניט מעהר װי אַ פּשוט'ער גוף; מיין אַלמעכטיגקייט איז דעם מענשענס שוואַכקייט. די בעװעגונגס־

*) אַ קונסטליך בעשאַפענע אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך.

קראַפט פון קאַפּיטאַל איז די לעבענס־קראַפט פון אַרבייטער.

3) איך בין דער פּרינציפּ פון אַלע פּרינציפּען: מיט מיר הויבט זיך אָן איטליכע פּראָדוקציאָן, מיט מיר ענדיגט זיך איטליכער מקח־וממכר.

4) איך בין אַ לעבעדיגער גאָט, וואָס געפינט זיך אומעטום: די אייזענבאַהנען, די איוועגס, וואו מען גיסט אַייזען, ווייץ און קאָרן, שיפען, וויין־גערטנער, גאָלדענע און זילבערנע מטבעות — דאָס זענען די צושטרייטע און צושפּרייטע אברים פון קאַפּיטאַל.

5) איך בין די אונענדליכע נשמה פון דער ציוויליזירטער וועלט, און איך ליעג אין אַ גוף, וואָס האָט מיליאָנען־מיליאַסען פערשידענע געשטאַלטען. איך לעב אין אַלצדינג, וואָס ווערט געקויפט און פערקויפט; אין איטליכען שטיקעל סחורה צאַפּעלט זיך מיינער אַנ'אָדער, און ס'איז ממש ניטאָ קיין איינציגע סחורה, וואָס זאָל עקסיסטירען אַ הויז מיר, אַ הויז מיין היות.

6) איך בלישצע אין גאָלד און שטינק אין שמעטניק מיסט; איך מאַך פרעהליך אין בראַנפען און וויין, און עס אויס שטיקער אין שוועבעל־זויערען קופער.

7) מיין עצם, וואָס האַלט אין איין וואַקסען, פליעסט דורך דעם שטאָף ווי אַ טייכעל, וואָס קיינער זעהט ניט; ער איז צוטיילט אין מעהר חלקים, ווי די שטאַרקסטע פאַנטאַזיע קאָן זיך פאָרשטעלען, און נעהמט אָן פערשידענע פאָרמען, אַ בעזונדערע פאָרמע פאַר איטליכעס שטיקעל סחורה; איך ווער קיינמאָל נישט מיעד איבערצוגיסען זיך פון איין פאָרמע אין די צווייטע: היינט ברויט און פלייש, מאָרגען די אַרבייטס־קראַפט פון די פּראָדוצענטען, איבער־מאָרגען אַ שטיק אייזען, אַ שטיק קאָלענקאָר, אַ דראַמאַטישעס ווערק, אַ פּעסעל שמאַלץ אָדער אַ זעקעל גואַנאָ. די וואַנדערונג פון קאַפּיטאַל הערט קיינמאָל ניט אויף, מיין עצם שטאַרבט קיינמאָל ניט; אָבער זיינע פאָרמען זענען גראָד ניט קיין אייביגע — זיי שטאַרבען אָב, בייטען זיך.

8) דער מענש זעהט, טאַפּט, שמעקט און עסט מיין גוף, אָבער זיינע חושים האָבען קיין שום שליטה ניט איבער מיין גייסט, וועלכען מען קאָן נאָך ווייניגער אָנטאַפּען ווי עפּיר. מיין גייסט איז דער קרעדיט. אום צו קאָנען לעבען און ווירקען, דאַרף ער ניט האָבען קיין שום קערפּערליכע מלבושים.

9) מײַן גײַסט איז אַ גרעסערער העמיקער ווי בערצעליוס, ווי זשעראַר; אונגעהויערע פעלדער, קאָלאָסאַלע מאַשינען, שווערע מעטאַלען און ברילענדע סטאַדעס פערוואַנדעלט ער אין פּאַפּירענע אַקציעס; וואַסער־לייטונגען און גיסאַייזענס, גריבער און זאַוואָדען געהען אַריבער פון האַנד אין האַנד אויף דער בירזע, אין מײַן בית־המקדש, גלײַך ווי זיי וואָלטען געווען לײַכטער פון עלעקטריזירטע פּראָבקענע קײַקלעך.

10) אין די לענדער, וואו עס הערשט די באַנק, הויבט זיך אָהן מיר גאָר ניט אָן און אָהן מיר ענדיגט זיך קיין זאַך ניט. איך מאַך די אַרבייט פעהיג צום לעבען; איך טהו אָן אַ צוים אויף די צובושעוועטע קרעפטען פון דער נאַטור, כדי זיי זאָלען דיענען דעם מענשען; איך גיב איהם אין די הענד אַ מעכטיגען איסטרומענט, מיט וועלכען ער זאָל קאָנען בעוועגען די אָנגעקליבענע אוצרות פון דער וויסענשאַפט.

11) איך וואַרף אַרײַן די געזעלשאַפט אין אַ גאָלדענע נעץ פון האַנדעל און אינדוסטריע.

12) אַ מענש, וואָס האָט ניט קיין קאַפּיטאַל, געהט אין לעבען אַ נאַקעטער, אַרומגערינגעלט מיט בלוט־דורשטיגע חיות, וואָס זענען בעוואָפענט מיט אַלערליי געוועהר אויף אָנצוטהון יסורים און טייטען.

13) אויב אַ מענש, וואָס האָט ניט קיין קאַפּיטאַל, איז געזונד ווי אַנ'אָקס, לעגט מען איהם אַרויף אויף די פּלייצעס די שווערסטע לאַסט; אויב ער איז אַ האָראָפּאַשנער ווי אַ מוראַשקע, אַרבייט ער פאַר צוויי; אויב ער איז ניט קיין אויסקלײַבער אין עסען ווי אַנ'אייזעל, פערקלענערט מען זײַן פּאָרציע עסענוואַרג.

14) וואָס איז אַזוינס די וויסענשאַפט, די גוטע מדות און די אַרבייט אָהן קאַפּיטאַל? — הבל־הבלים און גאָלע משוגעת.

15) זאָל ניט זײַן די ברכה פון קאַפּיטאַל, און די וויסענשאַפט פערפיהרט דעם מענשען אין משוגעים־הויז; די אַרבייט און די גוטע מדות וואַרפען איהם אַרײַן אין תהום פון דלות.

16) ניט די וויסענשאַפט, ניט די גוטע מדות, ניט די אַרבייט — בעפריעדיגען ניט דעם מענשליכען גײַסט; איך, קאַפּיטאַל, זעטיג אָן זײַנע זולל־וסובא'דיגע אַפּעטיטען און זײַנע תאוות.

17) איך גיב זיך אָב און נעהם זיך אַוועק צוריק, אָט ווען

נאָר איך וויל און וואו נאָר איך וויל און גיב קיינעם ניט אָב קיין
דין וחשבון. איך בין אַלמעכטיג, איך בין דער הערשער פון אַלץ,
סיי פון הפצים, סיי פון לעבעדיגע בעשעפענישען.

II. קאַפּיטאַלס יחידי־סגולה.

1) דער מענש, אַט דאָס בערגעל פערפעסטעטער שטאָף, קומט צוגעהן אין גאָט'ס וועלטעל הויל־נאַקעט ווי אַ וואָרים, און דערנאָך, פערקלאַפּט אין אַ קאַסטען ווי אַ פּאַפּירענער טענצער, הערט ער פערפוילט אין דר'ערד און זיין צופוילטער קערפּער מאַכט פעט די גראָז און די פעלדער.

2) און אַט דעם זאַק פון מיסט און עפּוש האָב איך פון דעסטוועגען אויסגעקליבען פאַר מיין פערטרעטער, — איך, קאַפּי־טאַל, איך, די ערהאַבענסטע ערשיינונג אונטער דער זון.

3) די אוסטריצעס און די שנעקען האָבען אַ געוויסען ווערט צוליעב די מעלות פון זייער פיזיש'ער נאַטור; דער קאַפּיטאַליסט האָט אַ בעדייטונג נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב איהם געבענטשט מיט מיינע גענאַדען; ער האָט אַ ווערט בלויז דערפאַר, וואָס ער איז דעם קאַפּיטאַל'ס פערטרעטער.

4) איך מאַך רייך דעם רשע, מעג ער זיין טויזענד מאָל אַ רשע; איך לאָז געהן מיט דער טאָרבע דעם צדיק, מעג ער זיין אפילו פון די ל"ו. איך קלויב אויס, וועמען איך וויל.

5) איך קלויב אויס דעם מענשען פאַר אַ קאַפּיטאַליסט ניט דערפאַר, וואָס ער איז קלוג אָדער ערליך, שען אָדער יונג. וואָס נאַרישער, וואָס מעהר פערדאָרבען, מאוס'ער און צוקראָכע'ער פון אַלטקייט ער איז, אַלץ אַ בעסערער בעווייז איז דאָס, אַז מיין מאַכט איז אונגעהויער גרויס.

6) דער קאַפּיטאַליסט פערקערפּערט אין זיך צניעות, שענ־קייט, גענייע, ווייל איך מאַך איהם פאַר מיין אויסערוועהלטען. מענ־שען האַלטען זיינע נאַרישקייטען פאַר אַ שכל, זיי טענה'ן, אַז צו זיינע גאונות דאַרף ער האָבען די וויסענ'שאַפט אויף כפּרות; די דיכ־טער ווערען בעגייסטערט פון זיין פּערזאָן, און די קינסטלער הערען אויס זיינע קריטישע בעמערקונגען שטעהענדיג אויף די קניע, ווי דעם משפּט פון אַ געזעצגעבער פון געשמאַק; די פרויען שווערען

מִיט כּל הַשבוּעות, אַז עֶר אִיז אַ גאוֹנִישעֶר דאָן זשוּאַן; דִי פִּילאָזאָפעֶן זעֶנעֶן מְטַהֵר זיַינעֶ הסרוֹנות מִיט ק״ן טעֶמִים; דִי עֶקאָנאָמִיסטעֶן עֶרקלֶערעֶן, אַז זיַין אַרוּמגעֶהן פּוּסט אוּן פּאַס — אִיז דִי בּעֶוועֶגעֶנדעֶ קראַפט פוּן סאָציאַלעֶן לעֶבּעֶן.

7) אַ סטאַרעֶ געֶדוּנגעֶנעֶ אַרבּיַיטעֶר האָרעֶוועֶט פאַר׳ן קאַפּיטאַלִיסט, וועֶלכעֶר עֶסט, טרִינקט, פעֶרנעֶהמט זיִך מִיט קורטיִזאַנקעֶס אוּן רוּהט זיִך אָבּ פוּן דעֶר אַרבּיַיט פוּנ׳ם מאָגעֶן אוּן פוּן דִי אֵבָרים, וואָס לִיגעֶן אוּנטעֶר׳ן מאָגעֶן.

8) דעֶר קאַפּיטאַלִיסט אַרבּיַיט נִיט — נִיט מִיט דִי העֶנד אוּן נִיט מִיט׳ן קאָפּ.

9) עֶר האָט פִּיה, זכרים אוּן נקבוֹת צוּ בּעֶאַרבּיַיטעֶן דִי פעֶלדעֶר, צוּ שמִידעֶן מעֶטאַלעֶן אוּן צוּ וועֶבּעֶן געֶציַיג; עֶר האָט דִירעֶקטאָרעֶן מִיט בּעֶהעֶלפעֶרס צוּ פעֶרוואַלטעֶן אִיבּעֶר דִי וועֶרקשטאַטעֶן אוּן געֶלעֶהרטעֶ — צוּ קלעֶרעֶן. דעֶר קאַפּיטאַלִיסט גִיט זיִך אָבּ צוּ דעֶר אַרבּיַיט פוּן „נקיוֹת״; עֶר עֶסט אוּן טרִינקט, כּדי צוּ פאַבּדִיצִירעֶן מִיסט.

10) אִיך שעֶנק אַוועֶק מיַינעֶ יהודי־סגוּלה עֲשירוּת אוּיפ׳ן גאַנצעֶן לעֶבּעֶן; וויַיל וואָס אִיז נאָך דאָ אוּיף דעֶר וועֶלט בּעֶסעֶרס אוּן מעֶהר ממשוּת׳דִיגעֶרס, ווִי עֶסעֶן, טרִינקעֶן, הוּלטיַיסטוּועֶן אוּן זיִך לוּסטִיג מאַכעֶן? אַלעֶ אִיבּעֶרִיגעֶ זאַכעֶן זעֶנעֶן הבל הבלִים אוּן זעֶלבּסטפעֶרדאַרבּוּנג.

11) אִיך בּרעֶנג טרייִסט אִין אַ צרה אוּן מאַך אַלץ גרִינג, כּדי דאָס לעֶבּעֶן זאָל זיַין אַנגעֶנעֶהם אוּן כּדי מיַינעֶ יהודי־סגוּלָה זאָל כּדאי זיַין צוּ לִיבּעֶן דאָס לעֶבּעֶן.

12) דעֶר הוּש פוּן זעֶהן האָט זיַין אָרגאַן, דִי אִיבּעֶרִיגעֶ חוּשים, ווִי אוּיך דִי לִיבּעֶ, האָבּעֶן אוּיך זייעֶרעֶ אֵייגעֶנעֶ אָרגאַנעֶן. מיַין אוּיסעֶרוועֶהלטעֶן גִיעבּ אִיך אָבּ מִיט אַ בּרייִטעֶר האַנד אַלצדִינג, וואָס עֶס ווִילעֶן זיַינעֶ אוּיגעֶן, זיַין מוּיל אוּן דִי אִיבּעֶרִיגעֶ אָרגאַנעֶן.

13) דִי צניעוּת האָט צוויי פּנים׳עֶר; דִי צניעוּת פוּן קאַפּיטאַלִיסט בּעֶשטעֶהט אִין דעֶם, אַז עֶר זאָל בּעֶפרִיעדִיגעֶן זיַין פעֶרלאַנג; דִי צניעוּת פוּן אַרבּייִטעֶר, פעֶרקעֶהרט, — עֶר זאָל זיִך בּעֶגעֶנוּגעֶן מִיט ווענִיגעֶס.

14) דעֶר קאַפּיטאַלִיסט נעֶהמט זיִך צוּ אוּיף דעֶר וועֶלט אַלץ, וואָס אִיהם געֶפעֶלט; עֶר אִיז דעֶר בּעַל־הַבּית. אוּיבּ אִיהם זעֶנעֶן

שוין מאוס געוואָרען פּראָיענצימער, בענוצט ער זיך מיט אונשולדיגע קליינע מיידלעך, אום אויפצורעגען זיין לוסט צו׳ם געשלעכטליכען פערקעהר.

15) דער קאַפּיטאַליסט — איז דאָס געזעץ. די געזעצגעבער מאַכען שולחן־ערוך׳ס, וואָס זאָלען געפעלען וועלען זיין געשמאַק; די פילאָזאָפען פּאַסען צו די מאָראַל צו זיינע זיטען. זיינע האַנדלונגען זענען גוט און גערעכטיג. איטליכע האַנדלונג, וואָס שטערט זיינע אינטערעסען, איז אַ פערברעכען, וואָס מוז בעשטראָפט ווערען.

16) פאַר די יהידי־סגולה האָב איך אָנגעגרייט אַזאַ מין גליק, וואָס די געדונגענע אַרבייטער ווייסען דערפון ניט, — אַרויסשלאָגען ריוה איז די העכסטע פרייד. — אויב מיין אויסערוועהלטער, וועלכער זאַמעלט פּראָפּיטען, פערליערט זיין ווייב, זיין מאַמען, קינדער, זיין הונד, זיין עהרע, מאַכט ער דאָס ביי זיך רעכט. אָבער פערליערט ער די מעגליכקייט צו בעקומען ריוה, דאָס איז אַזאַ שרעקליכער אומגליק, וואָס דער קאַפּיטאַליסט וועט קיינמאָל ניט פערגעסען.

III. די פפליכטען פון קאפּיטאַליסט.

§ I.

1) אַ סך ווערען געלאַדען צו דער וועלט־סעודה, אָבער וועניג האָבען די זכיה צו געניסען פון איהר; וואָס אַ טאָג מאַך איך אַלץ קלענער די צאָהל פון מיינע יהידי־סגולה.

2) איך גיב זיך אָב די קאַפּיטאַליסטען און צוטייל זיך צווישען זיי; איטליכער יהיד קריגט פאַר אַ מתנה אַ חלק פון קאַפּיטאַל, אָבער ער קען זיך בענוצען דערמיט נאָר אין דעם פאַל, ווען ער מאַכט איהם גרעסער, ווען ער איז מקיים די מצוה פון „פרו ורבו". דאָס קאַפּיטאַל ווערט נעלם ביי דעם, וואָס איז עובר אויף זיין געזעץ.

3) איך האָב אויסגעקליבען דעם קאַפּיטאַליסט אויף אַרויסצושלאָגען מעהרוועהרט. זיין שליחות בעשטעהט אין אָנקלייבען פּראָפּיטען.

4) כדי דאָס קאַפּיטאַל זאָל זיין פריי און קאָנען טהון אַלץ, וואָס ער וויל אין דער צייט, ווען ער יאָגט זיך נאָך פּראָפּיט, צו־

רײַסט ער דעם באַנד פֿון פֿרײַנדשאַפֿט און ליבע; דאָרטען, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אַרויסקריגען פּראָפֿיט, איז פֿאַר איהם ניטאָ — ניט קײן פֿרײַנד, ניט קײן ברודער, ניט קײן מאַמע, ניט קײן ווײַב, ניט קײן קינדער.

5) דער קאַפּיטאַליסט שטעהט העכער פֿון די אַלע ניט־נוי־טיגע פֿאַרקאַנעס, וועלכע פֿערצאַמען די פּראָסטע בשר־ודם׳ס אין אַנ׳ענגען קרײַז, וואָס הײסט פֿאָטערלאַנד אָדער פּאַרטײ; צי ער איז אַ רוסישער צי אַ פּאָליאַק, אַ פֿראַנצויז אָדער אַ דײַטש, אַנ׳ענגלענ־דער אָדער אַנ׳אירלענדער, אַ ווײַסער אָדער אַ שוואַרצער — פֿריהער פֿון אַלץ איז ער אַנ׳עקספּלואַטאַטאָר; און נאָר אַלס צוגאָב צו זײַן הויפּט־מעלה איז ער אַ מאָנאַרכיסט אָדער אַ רעפּובליקאַנער, אַ קאָנ־סערוואַטאָר אָדער אַ ראַדיקאַל, אַ קאַטוילישער אָדער אַ פּרײַזיניגער. גאָלד האָט איהר שאַטירונג; אָבער דער בליאַסק פֿון גאָלד פֿער־דונקעלט די איבערצײַגונגען פֿון קאַפּיטאַליסט.

6) מיט דער זעלבער גלײַכגילטיגקײַט לאָזט אַרונטער דער קאַפּיטאַליסט צו זיך אין טײַסטער געלד, וואָס איז אויסגעווייקט אין טרערען, געלד, וואָס איז בעשפּריצט מיט בלוט, און גאָלד, וואָס איז אויסגעשמירט אין בלאָטע.

7) ער איז זיך ניט מוסר נפש צוליעב די גראָבע פּאָראַזור־טײלען. ער בעשעפֿטיגט זיך מיט פּראָדוקציאָן ניט מיט׳ן צוועק צו ליעפֿערען גוטע, פֿרישע סחורה, — זײַן צוועק איז צו פּראָדוצירען אַ שטיקעל סחורה, וואָס זאָל איהם אַרײַנטראָגען אַ גרויסעס פֿער־דיענסט. ער אָרגאַניזירט פֿינאַנץ־געזעלשאַפֿטען ניט מיט׳ן צוועק, פֿונאַנדערצוטײלען די הכנסה פֿונ׳ם געשעפֿט, — זײַן צוועק איז אַרײַנ־צוקריגען די קאַפּיטאַלען פֿון די אַקציאָנערען, מחמת די קלײנע קאַ־פּיטאַלען געהערען צו די גרויסע, און איבער די גרויסע זענען דאָ נאָך גרעסערע, וועלכע קוקען מיט אַ שאַרף אויג אײַנצושלינגען זײ מיט דער צײַט. אָט דאָס איז דער געזעץ פֿון קאַפּיטאַל.

8) ווען איך הויב אויף אַ מענשען צו׳ם טיטעל קאַפּיטאַ־ליסט, גיב איך איהם איבער אַ חלק פֿון מײַן אַלמעכטיגקײַט איבער מענשען און חפצים.

9) דער קאַפּיטאַליסט דאַרף זאָגען: די געזעלשאַפֿט — דאָס בין איך; די מאָראַל — דאָס זענען מײַן געשמאַק און מײַנע תאוות; דער געזעץ — דאָס איז אַלץ, וואָס ברענגט מיר אַ נוץ.

10) איבּ עס ווערען גענשעדיגט די אינטערעסען האָטש פון איין איינציגען קאַפּיטאַליסט, האָט דערפון צו ליידען די גאַנצע געזעלשאַפט; ווייל די אונמעגליכקייט צו פערגרעסערען דעם קאַפּיטאַל איז אַ שרעקליכע גזרה, אַ גזרה, וואָס צו איהר איז גאָר קיין שום תּרופה ניטאָ.

11) דער קאַפּיטאַליסט צווינגט אַנדערע צו פּראָדוציערען, אָבּער ער אַליין פּראָדוציערט גאָר ניט; צווינגט אַנדערע צו אַרבּייטען, און אַליין אַרבּייט ער ניט; וואָס עס זאָל ניט זיין פאַר אַן אַרבּייט, סיי אַ גייסטיגע, סיי אַ פיזישע, איז איהם דאָס פערבאָטען צו טהון, ווייל דאָס וואָלט איהם אָבּגעריסען פון זיין הייליגער שליחות: אָנקלייבּען פּראָפיטען.

12) דער קאַפּיטאַליסט ווערט ניט פערוואַנדעלט אין יענע אידעאַליסטיש־געזאָנענע ווייסע היה׳לע (אַ פייעלע), וואָס דרייט אַ ראָד, וועלכע מאָהלט ניט מעהר ווי ווינד.

13) איהם אַרט ניט, וואָס די הימלען דערצעהלען פון גאָט׳ס גדולה; ער מאַכט ניט קיינע וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונגען, מיט וואָס דער קליינינקער היישעריק פישטשעט: מיט׳ן הינטער־הלק, צי מיט די פליגלען, און צי די מוראַשקע איז אַ קאַפּיטאַליסט?*)

14) ער אינטערעסירט זיך ניט — ניט מיט׳ן אָנהויבּ און ניט מיט׳ן אויסלאָז פון דער קערפערליכער וועלט; ער איז אין גאַנצען פערנומען דערמיט, צו פערוואַנדלען די קערפערליכע וועלט אין מיטלען אָנצוקלייבּען פּראָפיטען.

15) ער לאָזט איבּער פאַר די טעאָלאָגען פון דער אָפיציעלער פּאָליטישער עקאָנאָמיע צו ברייען אָהן אַ סוף פון מאָנאָמענטאַליזם און בימעטאַליזם; אָבּער ער לעגט אַריין צו זיך אין קעשענע אי גילדענע, אי זילבּערנע מטבעות, ניט אינטערעסירענדיג זיך מיט זייער וויסענשאַפטליכער בעדייטונג.

16) ער לאָזט איבּער פאַר געלעהרטע — זיי טויגען דאָך ניט

*) דער מחבר פון דעם קאַפּיטאַליסטישען קהלת האָט אַ פּנים אין זינען יענע עקאָנאָמיסטען באַלבּעטונעס, וועלכע האַלטען, אַז דער קאַפּיטאַל איז געווען נאָך פאַר אָדם הראשון, ווייל — זאָגען ז״י — די מוראַשקע וואָס גרייט אָן פאַר זיך מזונות אין איהרע „שפּייכלערס", טהוט פּונקט אַזוי, ווי דער קאַפּיטאַליסט.

צו קיין אַנדערע זאַך — אויסצופאָרשען די ערשיינונג פון דער נאַ-
נאַטור, און פאַר די ערפינדער — אָנצוּווענדען צו דער אינדוסטריע די
נאַטור־קרעפטען, אָבער ער זוכט מיט אַלע מיטלען צו ווערען אַ
בעל־הבית פון זייערע ערפינדונגען די מינוט, ווי מען קאָן זיי נאָר
עקספּלואַטירען.

17) ער בּרעכט זיך ניט דעם קאָפּ צו געפינען אַן ענטפער
אויף דער פראַגע: אויב די בּעגריפען „גוט" און „שען" זענען די
זעלבע; אָבער עס עסט מיט פערגניגען כּריפּעלען, וועלכע זענען
זעהר געשמאַק, און אויסזעהן — זעהען זיי אויס עקעלהאַפטער פון
הזיר'שע באָבקעס.

18) ער קלאַפּט בּראַוואָ אויף די רעדעס וועגען אייביגע וואַהר-
הייטען, אָבער געלד פערדיענט ער מיט שווינדלען, וואָס האָבּען
קורצע יאָהרען.

19) ער ספּעקולירט ניט מיט'ן תמצית פון צניעות, געווי-
סען און ליעבע; ער ספּעקולירט אָבער מיט זייער קויפען און
פערקויפען.

20) ער לאָזט זיך ניט אַריין אין טיעפע הקירות — צי פרייהייט
איז גוט „אַן און פיר זיך"; ער נעהמט זיך אַוועק אַלע פרייהייטען
און אַלע רעכטע, און פאַר די אַרבּייטער לאָזט ער זיכער מעהר
ניט ווי די נעמען אַליין.

21) ער האַלט ניט פאַר נויטיג אַרומצורעדען די מיינונג —
צי רעכט דאַרף הערשען איבּער מאַכט, אָדער פערקעהרט, ווייל ער
ווייסט, אַז ער האָט אַלע רעכטע, ווייל ער האָט קאַפּיטאַל.

22) ער איז ניט קיין אָנהענגער און ניט קיין געגנער פון אַל-
געמיינעם שטימרעכט; ער איז ניט קיין אָנהענגער און ניט קיין געג-
נער פון בּעגרענצען דאָס שטימרעכט; ער נוצט אויס בּיידע זאַכען:
ער קויפט אונטער די וועהלער, וואָס האַלטען פאַר בּעגרענצען דאָס
שטימרעכט, און פערבּלענדעט די אויגען פון די וועהלער, וועלכע
האַלטען פאַר אַלגעמיינע שטימרעכט. אויב עס קומט זיהם יאָ אויס
צו ענטשיידען, וואָס עס איז בּעסער, האַלט ער פאַר אַלגעמיינע
שטימרעכט, ווייל דאָס איז פאַר איהם שפּאָרעוודיגער: אין ערשטען
פאַל איז ער געצוואונגען צו געבּען שוחד אַי די וועהלער, אַי די
אויסגעוועהלטע, אין צווייטען פאַל אָבער איז גענוג פאַר איהם אונ-
טערצוקויפען נאָר די אויסגעוועהלטע.

23) ער מישט זיך ניט אַריין אין די פּערפּלאָנטערטע ויכּוחים וועגען דעם, וואָס עס איז בעסער: פרייַ־האַנדעל, אָדער אַ טאַריף אויף אויסלענדישע סחורה; דאָ איז ער אַנ׳אָנהענגער פון טאַריף, און דאָ איז ער זיינער אַ געגנער; אַלץ ווענדט זיך אָן דעם, ווי עס געהט זיין אייגענער האַנדעל און פּראָדוקציאָן.

24) ער האָט ניט קיין שום פּרינציפּען, ער האָט ניט אַפילו דעם פּרינציפּ — ניט צו האָבען קיין שום פּרינציפּען.

§ 2.

25) אין מיין האַנד איז דער קאַפּיטאַליסט אַנ׳אייזערנער שטעקען אויף צו קלאַפּען די אונגעהאָרכזאַמע סטאַדע פון די געדונגענע אַרבייטער.

26) דער קאַפּיטאַליסט דערשטיקט אין זיין האַרצען יעדעס מענשליכעס געפיהל. ער האָט קיין שום רחמנות ניט; מיט אַ צווייטען בעגעהט ער זיך גרויזאַמער, ווי מיט אַ בהמה, וואָס געהט אין געשפּאַן. מענער, פרויען און קינדער זענען ביי איהם בלויז אַ מיטעל אַרויסצוציהען פּראָפיטען. ער האָט פערשמידט זיין האַרץ אין אייזען, כּדי אין דער צייט, ווען די אויגען זייַנען זעהען די צרות פון די אַרבייטער, און די אויערען הערען די געשרייען פון צאָרן און וועהטאָג, זאָל זיין נשמה פערבלייבען אַזוי רוהיג, אַז עס זאָל איהם קיין זאַך ניט ריהרען.

27) ווי אַ פּרעס־מאַשין לאָזט זיך אַרונטער לאַנגזאַם, אונפערמיידליך, צונויפדריקענדיג ביז צו׳ם קלענסטען שטח דעם געגענשטאַנד, וואָס געפינט זיך אונטער איהר, און אַרויספּרעסענדיג פון איהם דעם גאַנצען זאַפט, פּונקט אַזוי טהוט דער קאַפּיטאַליסט: קוועטשענדיג און דריקענדיג דעם אַרבייטער אויף אַלערליי אופנים, קוועטשט ער אַרויס די אַרבייט, וואָס ליגט אין יענעמס פלייש און נערווען, און איטליכער טראָפּען שווייס, וואָס געהט אַרויס, פערוואַנדעלט זיך אין קאַפּיטאַל. ווען דער אויסגעשוואַכטער און צובראָכענער אַרבייטער איז שוין מעהר ניט אים שטאַנד, וויפיעל מען זאָל איהם ניט דריקען און קוועטשען, צו געבען די איבער־אַרבייט, וואָס בעשאַפט דעם מעהר־ווערט, וואַרפט איהם דער קאַפּיטאַליסט אַרויס אין גאַס, ווי מען וואַרפט אַרויס מיסט און שלאַכטס.

28) דעֶר קאַפּיטאַליסט, וואָס שאַנעֶוועֶט דעֶם אַרבּייטעֶר, איז אַ בּעַל־עוֹלה געֶגעֶן זיך און געֶגעֶן מיר.

29) דעֶר קאַפּיטאַליסט קוֹיפט מעֶנעֶר, פרוֹיעֶן און קינדעֶר, כּדי די מעֶנשעֶן, וואָס האָבּעֶן ניט זייעֶר זייגעֶנס — ניט קיין שמאַליץ און ניט קיין וואָל, און ניט קיין שום אַנדעֶרעֶ סחוֹרה, — זאָלעֶן וועניגסטעֶנס קאָנעֶן עֶפּעֶס פעֶרקוֹיפעֶן, למשל, דעֶם קראַפט פון זיי־ עֶרעֶ מוסקולעֶן, זייעֶר פעֶרשטאַנד, זייעֶר יוֹשר. צו ווערעֶן קאַפּי־ טאַל, מוז דעֶר מעֶנש פריהעֶר פעֶרוואַנדעֶלט ווערעֶן אין אַ שטיקעֶל סחוֹרה.

30) איך בּין — קאַפּיטאַל, דאָס מלכוּת פון דעֶר וועֶלט, און דעֶר קאַפּיטאַליסט איז מיין פעֶרטרעֶטעֶר: בּיי איהם זעֶנעֶן אַלעֶ מעֶנ־ שעֶן גלייך, זיי אַלעֶ געֶפינעֶן זיך אין די צוואַנגעֶן פון זיין עֶקס־ פּלוֹאַטאַציעֶ. דעֶר פּראָסטעֶר אַרבּייטעֶר, וואָס פעֶרדינגט זיינעֶ קרעֶפ־ טעֶן, דעֶר אינזשעֶניעֶר, וואָס לעֶגט פאַר זיינעֶ קעֶנטניס, דעֶר קאַסיר, וואָס פעֶרקוֹיפט זיין עֶהרליכקייט, דעֶר דעֶפּוטאַט, וואָס האַנדעֶלט מיט זיין געֶוויסעֶן, די צולאָזעֶנעֶ מיידעֶל, וואָס גיט אַוועֶק אוֹיף אַ צייט איהר לייבּ, — זיי אַלעֶ זעֶנעֶן בּיי דעֶם קאַפּיטאַליסט אין דינסט, זיי אַלעֶמעֶן זוֹיגט עֶר אוֹיס.

31) עֶר מאַכט פון דעֶם געֶדוּנגעֶנעֶם אַרבּייטעֶר אַ זעֶלטעֶנעֶס בּעֶשעֶפּעֶניש אָהן אַ פּגימה, אָהן אַ מוּם: עֶר צווינגט איהם צו פּראָ־ דוּציערעֶן זיין אַרבּייטס־קראַפט און קאָרמעֶט איהם בּשעַת מעֶשׂה מיט גראַבּעֶ און געֶפעֶלשטעֶ עֶסעֶנוואַרג, אַליץ צוליבּ דעֶם, אַז יעֶנעֶר זאָל קאָנעֶן פעֶרקוֹיפעֶן זיינעֶ קרעֶפטעֶן וואָס בּיליגעֶר; און מיט דעֶם זעֶלבּעֶן צוועֶק בּרעֶנגט עֶר איהם דעֶרצו, אַז עֶר בּעֶקוּמט גרוֹיסעֶ מעֶלוֹת: האַלט אוֹיס לאַנגעֶ תּעֶניתים, האָט די געֶדוּלד כוּן אַנ׳אַייזעֶל, די פלייסיגקייט פון אַנ׳אָקס.

32) דעֶר אַרבּייטעֶר געֶהעֶרט צו׳ם קאַפּיטאַליסט: עֶר איז זיין אַרבּייטס־פיה, זיין אייגעֶנטוּם, זיין הפקר. אין ווערקשטאַט, וואו מעֶן טאָר ניט בּעֶמעֶרקעֶן ניט דעֶם אוֹיפגאַנג פון דעֶר זון, ניט דאָס אָנ־ קוּמעֶן פון דעֶר נאַכט, קוּקעֶן אוֹיפ׳ן אַרבּייטעֶר הוּנדעֶרטעֶר אוֹיגעֶן פון אַלעֶ זייטעֶן, כּדי עֶר זאָל זיך ניט אַרוֹיסדרעֶהעֶן פון זיינעֶ פּבליכ־ טעֶן מיט אַ קעֶהר, מיט אַ דרעֶה, מיט אַ וואָרט.

33) די צייט, אוֹיף וועֶלכעֶ דעֶר אַרבּייטעֶר פעֶרדינגט זיך,

איז נגעלד: אויב ער פּערליערט האַטש איין מינוט, איז ער עובר אויפ'ן געבאָט „לא תגנוב".

34) דער יאָך פֿון קאַפּיטאַליסט געהט נאָך דעם אַרבייטער ווי אַ שאָטען און לאָזט איהם ניט צורוה אַפּילו אין זיין הורבה, ווייל ער טאָר ניט פערדאַרבען זיין מח מיט ביכער און סאָציאַליסטישע רעדעס, ער טאָר ניט אויסמאָרען זיין לייב מיט פערגניגענס. ווען ער פערלאָזט דעם ווערקשטאַט, מוז ער באַלד געהן אַהיים, אָפּעסען און זיך לייגען שלאָפען, כדי ער זאָל אויף מאָרגען ברייינגען דעם בעל־הבית זיין גוף אַ פרישען, אַ פלינקען און אַ שעפּסענע נשמה.

35) דער קאַפּיטאַליסט אַנערקענט ניט ביי דעם אַרבייטער קיין שום רעכט, אַפּילו ניט דאָס רעכט אויף שקלאַפעריי, ד. ה., אַ רעכט אויף אַרבייט.

36) ער רויבט אַוועק פֿון אַרבייטער זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען און טעכנישע פלינקקייט, די אַלע זאַכען וואַנדעלט ער אום אין פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָס זענען אונטערגעוואָרפען זיין רצון.

IV. די תקנות פֿון געטליכער קלוגשאַפט.

1) דעם מאַטראָז האַלט אין סכנה דער שטורם; דער אַרבייטער אין די גריבער שטעהט אין אַנ'אייביגער געפאַהר פערשאָטען צו ווערען אויף טויט פֿון אײַנגעפאַלענע שטיקער ערד און שטיינער אָדער דערשטיקט צו ווערען פֿון דעם גאַז אין גרוב; דער אַרבייטער האָרעוועט צווישען די בעוועגליכע רעדער און רימענס פֿון אייזערנע מאַשינען; דער אַרבייטער וואָס אַרבייט, קען יעדע מינוט ווערען אַנ'אייביגער קאַליקע אָדער גע'הרג'עט ווערען: דער קאַפּיטאַליסט — דער פּוסט־ און פּאַסניק — איז בעשיצט פֿון יעדער געפאַהר.

די אָנגעשטרענגטע פראַצע הרגעט אַוועק און מאַכט ניט רייך: די עשירות זאַמעלט אָהן ניט דער, וואָס האָרעוועט, נאָר דער, וואָס נויט דעם צווינגען צו האָרעווען.

3) איינענטום איז די פרוכט פֿון אַרבייט און דער לוין פאַר פוילקייט.

4) מען קען ניט אַרויסקריגען ניט ווײַן פֿון אַ שטיין, ניט ריוח פֿון אַ פגר: עקספּלואַטירען — עקספּלואַטירט מען נאָר לעבעדיגע.

דער תליון, וואָס הייִנגט אויף דעם פערברעכער, נאַרט אָב דעם קאַ־פּיטאַליסט, ווייל ער נעהמט פון איהם אַוועק אַ בהמה, וואָס מען קען נאָך עקספּלואַטירען*).

5) געלד און אַלסדינג, וואָס ברייִנגט ריוח, האָט ניט קיין שלעכטען ריח.

6) די מיאוסע הסרונות פון געלד ווערען ניט קענטיג, ווען זיי זענען דאָ אַ סך.

7) ווער עס האָט געלד, דאַרף ניט זיין אַ העלד.

8) טהון מצוות איז ניט אַליך איינס, ווי אָבגעבען געלד אויף פּראָצענט.

9) ווען דו געהסט שלאָפען, זעה דו זאָלסט בעסער האָבען אַ רעכט צו זאָגען: „איך האָב היינט געמאַכט אַ גוט געשעפטעל", איידער: „איך האָב פערדינט אַ מצוה".

10) דער בעל־הבית, וואָס צווינגט די אַרבייטער אָבצוהאָרעווען 14 שעה אין מעת־לעת, פערליערט ניט אומזיסט די שכירות, וואָס ער בעצאָהלט.

11) שאַנעווע ניט דעם אַרבייטער, ניט דעם גוטען און ניט דעם שלעכטען, ווייל אַ גוט פערדעל ווי אַ שלעכטס קען זיך ניט ריהרען פון אָרט אָהן אַ בייטש.

12) אויב אַ בוים ברייִנגט ניט צוטראָגען גוטע פירות, האַקט מען איהם אויס אויף האָלץ; דעם אַרבייטער, וואָס גיט ניט זיין בעל־הבית פּראָפיטען, דאַרף מען פער'משפט'ען צו שטאַרבען פון הונגער.

13) דעם אַרבייטער, וואָס בונטעוועט, קאָרמע אָן מיט בליי.

14) אַ בלעטעל פון מוילבער־בוים דאַרף האָבען מעהר צייט פערוואַנדעלט צו ווערען אין זייד, איידער די פּראַצע פון דעם אַר־בייטער — אין קאַפּיטאַל.

15) גנב'נען אַ סך און אומקעהרען קנאַפּ — דאָס איז דער תוכן פון צדקה זאַכען.

*) קהלת איז דאָ מכוין דעם קאַפּיטאַליסטישען כאַראַקטער פון דער־מלחמה ארפ די פערניכטונג פון טויטשטראָף, וועלכע עס האָבען געפיהרט מיט אזא גרויס גערודער וויקטאָר הוגאָ מיט אַלע אַנדערע שאַו־לאַטאַנעס, בלומר'שריגע הומאַניסטען.

16) צווינגען די אַרבייטער מיטצוהעלפען, עס זאָל בעשאַפען ווערען קאַפּיטאַליסטישע עשירות, הייסט מאַכען אַ קאָרפּעראַציע.

17) זיך צונעהמען דעם פעטסטען הלק פון די פּראָדוקטען פון אַרבייט — הייסט זיין אַ שותף אין געשעפט.

18) דער קאַפּיטאַליסט, אַ הייסער חסיד פון פרייהייט, האַלט ניט פון נדבות, ווייל אַ נדבה לאָזט ניט דעם אַרבייטסלאָזען די פרייהייט צו קראַפּירען פון הונגער.

19) די מענשען זענען ניט מעהר, ווי פּראָדוקציאָנס־מיטלען און פערבּרויכס־מיטלען: דער קאַפּיטאַליסט קויפט אָב די ערשטע און יאָגט זיך נאָך די צווייטע.

20) ביי׳ם קאַפּיטאַליסט אין מויל זענען פאַראַן צוויי צינגער: איין צונג צום קויפען און די אַנדערע צום פערקויפען.

21) אַ צונג, וואָס זאָגט ליגען, העלפט דעם בייטעל צו ווע־רען דיק.

22) פיינקייט און עהרליכקייט זענען סם־המות פאַר געשעפטען.

23) בע׳גנב׳ענען אַלעמען, הייסט קיינעם ניט בע׳גנב׳ענען.

24) ווילסט בעווייזען, אַז דער מענש קען זיין טריי ווי אַ הונד, צייג אַרויס די דאָזיגע הינטישע טרייהייט צו זיך גופא.

25) היט זיך פאַר אַנ׳אונעהרליכען מענשען, אָבער זאָלסט זיך ניט פערטרויען דעם עהרליכען.

62) ווען דו זאָגסט וואָס צו, בעווייזט דו דערמיט דיין רחמנות און איידעלקייט, אָבער ווען דו האַלסט וואָרט, בעווייזט דו, אַז דו האָסט ווייניג שכל.

27) מטבעות ווערען געגאָסען מיט דעם בילד פון קייסער אָדער פון דער רעפּובּליק, ווייל פּונקט ווי די פויגעל פון הימעל געהע־רען זיי צו דעם, וואָס האַפּט זיי.

28) אַ מטבע פון הונדערט סו (פינף פראַנק) הויבט מען תמיד אויף, זי מעג אַפילו אַרונטערפאַלען אין אַ סמעטניק.

29) דו דרעהסט זיך דעם קאָפּ מיט אַ סך זאַכען, דו שאַפסט זיך איין אַ באַרג מיט דאַגות, דו סטאַרעסט זיך צו זיין עהרליך, דו שטרעבּסט צו קענטעניס, דו זוכסט אַ לאַגע אין דער געזעלשאַפט, דו קריכסט פון הויט צו האָבען כבוד; און איך זאָג דיר, אַז דאָס אַלץ איז הבל הבלים; נויטיג איז נאָר איין זאַך: קאַפּיטאַל און נאָך אַמאָל קאַפּיטאַל.

30) יונגענד געהט אַוועק, שענקייט ווערט אָבגעבליאַקעוועט, פערשטאַנד ווירט אָבגעשוואַכט, גאָלד, נאָר גאָלד אַליין ווערט ניט בעדעקט מיט קנייטשען און ווערט ניט פערעלטערט.

31) געלד איז די נשמה פון קאַפּיטאַליסט און די קראַפט, וואָס רעגט איהם אויף צו אַרבייטען.

32) דעם אמת זאָג איך אייך: עס איז השוב'דיגער צו זיין אַ טייסטער געפּאַקט מיט גאָלד און באַנק-פּאַפּירען, איידער אַ מאַן, וועלכער איז אָנגעלאָדען מיט טאַלאַנטען און גוטע מעלות מעהר ווי אַנ'עזעל, וואָס פיהרט גרינס אויפ'ן מאַרק.

33) גאונות, פערשטאַנד, בושה, עהרליכקייט, שענקייט עק-זיסטירען נאָר דערפאַר, ווייל מען קען זיי קויפען און פערקויפען אויפ'ן מאַרק.

24) מדות טובות און האָרעפּאַשנעקייט זענען ניצליך נאָר דע-מאָלט, ווען זיי געפינען זיך ביי אַ'ן אַנדערען.

35) פאַר'ן קאַפּיטאַליסט איז ניטאָ קיין בעסערס, ווי פרעסען, זויפען און הולטאַיעווען, און דאָס וועט זיך אָברופען אויף איהם מיט אַ בעזאָנדערס זויערען טעם, בעת ער וועט האַלטען ביי דער גסיסה.

36) ביז וואַנען דער קאַפּיטאַליסט זיצט צווישען מענשען, וואָס די זון לויכט און וואַרעמט זיי, דאַרף ער זיך בענוצען מיט אַלץ, און לעבען אַ טאָג, ווייל קיין מענש לעבט ניט צוויי מאָל און קיינער וועט ניט אויסמיידען די עקעלהאַפטע עלטער, וועלכע דריקט צונויף דעם מענשען די קאָפּ און שטופּט איהם אין קבר אַריין.

37) דיינע גוטע מדות וועלען דיר ניט בעגלייטען אין קבר, צו וועלכען דו דערגעהנטערסט זיך; דו וועסט דאָרטען געפינען ניט מעהר, ווי ווערים.

30) אַלצדינג, וואָס דו האָסט ניט צוטהון מיט'ן פולען בויך און מיט אַ גוטען מאָגען, מיט די שטאַרקע, גוט בעפרידיגטע תאוות—איז הבל הבלים און היילע משוגעת.

V. דאָס העכסטע וואָרט.

1) איך בין—קאַפּיטאַל, דער קעניג פון דער וועלט.

2) מיין קאָנוואָי בעשטעהט פון ליגען, קנאה, קאַרגקייט, רכילות און מאָרד. אין דער פאַמיליע טראָג איך אַריין מחלקת און אין דער

שטאָט — אַ שטענדיגען קאַמפּף. וואו איך געה ניט דורך, פערזוי איך אומעטום האַס, פערצווייפלונג, אָרעמקייט, קראַנקהייטען און טויט.

3) איך בין אַ גאָט, וואָס ווייסט ניט פון קיין רחמנות; איך פיהל מיך גוט צווישען מחלוקת און יסורים. איך פייניג די אַרבייטער און האָב ניט מיטלייד צו די קאַפּיטאַליסטען, מיינע אויסערוועהלטע.

4) דער אַרבייטער קאָן זיך בשום אופן ניט אַרויסדרעהען פון מיינע הענד: אויב ער וויל פון מיר אַנטלויפען און שטייגט אַריבער איבער בערג, געפינט ער מיך אויף יענער זייט בארג; אויב ער פאָהרט אַריבער איבער'ן ים, וואַרט איך שוין אויף איהם אויפ'ן ברעג ים, וואו ער שטעהט צו. דער אַרבייטער איז מיין געפאַנגענער און די ערד איז זיין געפענגניש.

5) איך גיב די קאַפּיטאַליסטען פון פולער האַנד עשירות — שווערע, אידיאָטישע און פול מיט פלוצליכע איבערקעהרענישען. מיינע יחידי סגולה מאַך איך אויס מענש אי קערפערליך, אי גייסטיג; זייער ראַסע שטאַרבט אויס אָהן כח און אָהן שכל.

6) איך בעשיינק דעם קאַפּיטאַליסט מיט אַלץ, וואָס מען קען נאָר פערלאַנגען, און איך נעהם צו פון זיי איטליכען פערלאַנג. איך שטעל פאַנאַנדער ביי זיי אויפ'ן טיש פון כל טוב און נעהם צו ביי זיי דעם אַפּעטיט צו עסען. איך בעפוצט זייער בעט מיט יונגע פרויען, וועלכע זענען געניט אין לאַסקעס, און מאַך טעמפּיג זייערע תאוות. אַלץ אויף דער וועלט זעהט אויס אין זייערע אויגען געשמאַקלאָז, פריקרע און מיעד־מאַכענדיג: זיי גענעצען דעם גאַנצען לעבען; זיי טענה'ן, אַז זיי וואָלטען ניט לעבען, און דערמאָנט זיי פון טויט, ווערען ביי זיי אָבגענומען פון שרעק הענד און פיס.

7) ווען מיר ווילט זיך, צומאָל איך מיינע יחידי סגולה, און דעם מענשען'ס שכל איז ניט בכח צו פערשטעהען די אורזאַכען פון מיין האַנדלונג; איך וואַרף זיי אַריין אין דלות, אין דעם גיהנם, וואו עס ליגען די אַרבייטער.

8) די קאַפּיטאַליסטען זענען מיינע מאַשינען. איך בענוץ זיך מיט זיי, ווי מיט אַ טויזענד־יאָהריגען בייטש צו שמייסען די נאַרישע סטאַדע פון גערונגענע אַרבייטער, איך האָב אַרויסגערוקט מיינע אויסערוועהלטע אין די ערשטע שורות פון דער געזעלשאַפט און איך פערגאַפט זיי.

9) איך בין דער גאָט, וועלכער פיהרט די מענשען נאָך זיין רצון און פערדינקעלט זייער פערשטאַנד.

10) דער דיכטער פֿון די אַלטע גריכען האָט נביאות געזאָגט אויף דער צייט פֿון קאַפּיטאַליזם: „איצט איז שלעכט צומישט מיט גוטס; אָבער מיט דער צייט וועט ניט זיין קיין פֿאַמיליען־פֿערבאַנד, ניט קיין יושר, ניט קיין גבורות. אַ נ ד אָ ס און נ ע מ ע ז י ס וועלען זיך אַרויפּטראָגען אויפ'ן הימעל, און שלעכטס וועט הערשען מיט איהר גאַנצער מאַכט".

די צייט, אויף וועלכער דער דיכטער האָט נביאות געזאָגט, איז געקומען: מענשען פרעסען איינעם דעם אַנדערען ווי די אונגעהויערע בעשעפּעניסען פֿון ים, וואָס ווערען קיין מאָל ניט זאַט, און ווי די בלוט־דורשטיגע ווילדע חיות פֿון וואַלד.

11) איך לאַך זיך אויס פֿון דער מענשליכער קלוגשאַפֿט.

„אַרבייט און דו וועסט ניט הונגער'ן; אַרבייט, און דיין שייער וועט זיין פֿול מיט האָב און גוטס", האָט מען געזאָגט אין די אַלטע צייטען.

איך זאָג:

„אַרבייט, און אָרעמקייט מיט יסורים וועלען דיר נאָכגעהען אויף יעדען טריט; אַרבייט, און דיין גאַנצע ביסעל אָרעמקייט וועסט דו מוזען פֿער'משכנ'נען.

12) איך בין דער גאָט, וואָס מאַכט הרוב מלוכות; אונטער מיין יאָך, וואָס מאַכט אַלעמען גלייך, מאַך איך אונטערטהעניג די בעלי־גאַוות, איך מעק־אָב די עזות'דיגע און עגאָאיסטישע פּערזענליכקייט פֿון דעם בשר־ודם; איך גרייט צו די נאַרישע מענשהייט צו דער מלוכה פֿון גלייכהייט. איך שפּאַן איין אין וואָגען די אַרבייטער און די קאַפּיטאַליסטען צוזאַמען; איך פֿעראייניג זיי, כדי זיי זאָלען בעשאַפֿען אַ קאָמוניסטישע פֿאָרמע פֿון דער צוקונפֿטיגער געזעלשאַפֿט.

13) מענשען האָבען אַראָבגעשליידערט פֿון הימעל די געטער ב ר אַ ה מ אַ, י ו פּ י ט ע ר, י ה ו ה, י ע ז ו ס, אַ ל ל אַ ך, אָבער איך נעהם זיי דאָס לעבען מיט די אייגענע הענד.

14) ווען ק אָ מ ו נ י ז ם וועט ווערען אַ געזעץ פֿון דער געזעלשאַפֿט, וועט זיך ד ע מ אָ ל ט ענדיגען די ממשלה פֿון ק אַ פּ י ט אַ ל, דעם גאָט, וואָס שטעלט פֿאַר אין זיין פּערזאָן די דורות פֿון די פֿערגאַנגענע און פֿון די געגענוואַרטיגע צייטען. ק אַ פּ י ט אַ ל וועט שוין מעהר ניט הערשען איבער דער וועלט: ער וועט זיין אונטערטעניג

דעם האָרעפּאַשניק, וועמען ער האַסט איצט. דער מענש וועט אויפ־הערען צו פאַלען אויף די קניע פאַר דער אַרבייט פון זיינע אייגענע הענד און אייגענעם מח; ער וועט זיך אויסגלייכען אויף די פיס אין זיין גאַנצען וואוקס און אויף דער נאַטור וועט ער אָנהייבען צו קוקען ווי אַ בעל־הבית.

15) קאַפּיטאַל וועט זיין דער לעצטער פון אַלע געטער.

VI. קאַפּיטאַליסטישע תפלות

I. אַ תפלה זכה.

אָבינו מלכּנו, אונזער פאַטער און קעניג קאַפּיטאַל, וואָס דו ביסט אויף דער ערד. גאָט אַלמעכטיגער, וואָס דו בייטסט אום דעם פליסען פון די טייכען און שניידסט דורך די בערג, טיילסט פאַנאַנדער די יבשות און פעראייניגסט די פעלקער; דער בעשאַפער פון סחורות און געבער פון לעבען, וואָס דו האָסט די הערשאַפט איבער מלכים און אונטערטעניגע, איבער בעלי־בתים און אַרבייטער, קומען זאָל דיין ממשלה אויף דער ערד.

גיב אונז אַסך קונים, וואָס זאָלען נעהמען אונזערע סחורות, ווי די גוטע אַזוי אויך די שלעכטע.

גיב אונז אונגליקליכע האָראָפּאַשניקעס, וועלכע זאָלען מרוצה ווערען צו טהון איטליכע אַרבייט אָהן אַ פּיפּס פון פּראָטעסט און זאָלען זיין צופריעדען מיט דעם קלענסטען פערדיענסט.

גיט אונז גבירים, וועלכע לעבען אָהן זאָרג, זיי זאָלען גלייבען אין אונזערע רעקלאַמעס.

מאַך אַזוי, דאָס אונזערע בעלי־חובות זאָלען אונז איינצאָה־לען די חובות זייערע ביז איין גראָשען און אין באַנק זאָל מען דיס־קאָנטירען אונזערע וועקסלען.

מאַך אַזוי, דאָס עס זאָלען פאַר אונז ניט געעפענט ווערען די טהירען פון טורמע און לייז אונז אויס פון אַ באַנקראָט.

שיק אונז צו הכנסה אויף דורי־דורות. אָמן סלה.

II. אֲנִי מַאֲמִי .

אַנִי מאַמין באמונה שלמה, איך גלייב אין קאַפּיטאַל, וואָס הערשט איבער אַלץ, וואָס מען קען זעהען און וואָס מען קען ניט זעהען.

איך גלייב אין רוּחַ, דעם געזעצליכען זוהן פון קאַפּיטאַל, און אין קרעדיט, דעם רוּחַ הַקוֹדש, וואָס גייט אַרויס פון דעם היילינגען זוהן און ווערט מיט איהם צוזאַמען פערגעטערט.

איך גלייב אין גאָלד און זילבער, וואָס נאָך דעם ווי זיי שטעהען אויס צָלְעַ יסורים אין דער מלוכישער פאַבריק פון געלד, ווי זיי ווערען צושמאָלצען אין קעסעל און אויסגעגאָסען אין מטבעות, ערשיינען זיי אויף גאָט'ס וועלטעל ווי געזעצליכע קלינגערס, און וואָס נאָכדעם, ווי זיי האָבען געמאַכט אַ נסיעה איבער דער גאַנצער ערד און געוואָרען דורך דעם צו שווער, בעט מען זיי מחילה אין די קעלערס פון באַנק, כדי עס זאָלען אויפשטעהן תחית המתים פאַפּירענע געלד.

איך גלייב אין פינפ־פּראָצענטיגע באַנק־פּאַפּירען, אויך גלייב איך אין פיער און דריי־פּראָצענטיגע פּאַפּירען, און אין דעם ריכטיגען קורס פון ווערט־פּאַפּירען.

איך גלייב אין דעם בוך, וואו עס זענען פערשריבען די הובות פון דער מלוכה, אין דעם בוך, וואָס פערהיט קאַפּיטאַל פון דער ריזיקע אין האַנדעל, אין אינדוסטריע און אין הַלוֹאוֹת.

איך גלייב אין פּריוואַט־איינענטום, די פּרוכט פון פרעמדע פּראַצע, און אין איהר עקזיסטענץ לדורי־דורות.

איך גלייב אין די נויטווענדיגקייט פון דלות, וועלכער שאַפט געדונגענע אַרבייטער און וועלכער איז דער טאַטע פון האָרעוואַניע איבער די כּחוֹת.

איך גלייב אין די אייביגקייט פון געדונגענער אַרבייט, וואָס בעפרייט דעם אַרבייטער פון דאַגות וועגען אייגענטום.

איך גלייב אין די פערלייננערונג פון אַרבייטס־טאָג און אין די פערקירצונג פון אַרבייטס־לוין, אויך אין די פעלשונג פון פּראָדוקטען.

איך גלויב אין דעם היילינגען געבאָט: קויף ביליגער און

פּעֶרקוֹיף טײַערעֶר ; אוּן אויך גלוֹיבּ איך אין די אייבּיגעֶ פּרינ-
ציפּעֶן פוּן אוּנזעֶר הײליגסטעֶר אֶמוּנה, דעֶר אָפּיציעֶלעֶר פּאָליטישעֶר
עֶקאָנאָמיעֶ . אָמן סלה.

III. גאָט׳ס מאַמע, הײליגע בתולה, פרעה זיך .

(פרעה זיך, דלות) .

פרעֶה זיך, דלוּת, וואָס דוּ שטעֶלסט בּדיל-הדל אוּן מאַכסט
אוּנטעֶרטעֶניג דעֶם אַרבּײטעֶר, וואָס דוּ שרוּמפּסט איין זײַנעֶ געֶדעֶרים
פוּן הוּנגעֶר, וואָס דוּ וועֶרסט קײנמאָל ניט מיעֶד צוּ פּײַניגעֶן, צווינגסט
איהם צוּ פּעֶרקוֹיפעֶן זײַן פרײַהײַט אוּן זײַן לעֶבּעֶן פאַר אַ שטיקעֶל
בּרוֹיט ; וואָס דוּ צוּבּרעֶכסט דעֶם גײַסט פוּן פּראָטעֶסט, לײגסט אַרויף
אוֹיפ׳ן פּראָדוּצעֶנט, אוֹיף זײַן ווײַבּ אוּן קינדעֶר דעֶם שרעֶקליכסטעֶן
יאָך פוּן דעֶר קאַפּיטאַליסטישעֶר קאַטאָרגעֶ, פרעֶה זיך, דלוּת, אוּן
געֶלוֹיבּט זאָל זײַן דײַן נאָמעֶן .

דוּ, הײליגעֶ בּתוּלה, וואָס פוּן דיר איז געֶבּוֹירעֶן געֶוואָרעֶן
פאַר די קאַפּיטאַליסטעֶן דעֶר רוּה, דוּ, צאָרעֶנדיגעֶ געֶטין, וואָס דוּ
האָסט געֶמאַכט פוּן אוּנז אַ פּעֶראַכטעֶנדעֶן קלאַס פוּן פּעֶרדוּנגעֶנעֶ שקלאַ-
פעֶן, געֶבּעֶנטשט זאָלסטוּ זײַן.

צעֶרטליכעֶ מוּטעֶר, וואָס דוּ בּיזט רײַך מיט איבּעֶר-אַרבּײט,
וואָס דוּ לאָזט אַרוֹיס אוֹיף דעֶר וועֶלט רְוָחִים פּעֶרבּלײַבּ מיט אוּנז
אוּן מיט אוּנזעֶרעֶ מקוּרבים, אָמן סלה.

IV. די פערגעטערונג פון גאָלד .

גאָלד, דוּ וואוּנדעֶרליכעֶ סחוֹרה, וואָס טראָגט אין זיך אַלעֶ
אַנדעֶרעֶ סחוֹרוֹת .

גאָלד, די סחוֹרה פוּן אַלעֶ סחוֹרוֹת, אין וועֶלכעֶ עֶס פּעֶרוואַנדעֶלט
זיך איטליכעֶ סחוֹרה .

גאָט, וועֶלכעֶר קעֶן אַלץ אוֹיסמעֶסטעֶן .

דוּ, די פאָלקאָממסטעֶ, די סאַמעֶ אידעֶאַליסטישעֶ פּעֶרקעֶרפּעֶ-
רוּנג פוּן גאָט-קאַפּיטאַל .

דוּ, דעֶר אײדעֶלסטעֶר, דעֶר פּרעֶכטיגסטעֶר פוּן די יסוֹדוֹת
פוּן דעֶר נאַטוּר .

דו ווייסט ניט פון שימעל און ניט פון ראָסט, ווערסט פון קיין זאַך ניט קאַליע.

גאָלד, אונפערענדליכע סחורה, פלאַם־פייערינע בלום, העל־לויכטענדער שטראַהל, פערבלענדענדע זון; מעטאַל, וואָס איז איי־ביג יונג, וואָס מען האָט דיך אַרויסגעקראָגען פון דער טיעפעניש פון דער ערד; די מאַמע פון אַלע הפצים נאָך אין די אַמאָליגע יאָהרען, זוער חידער פערשוואונדען, געה אַוועק פון דער שיין פון דער זון, אין די געלד־קאַסטענס פון די פראַצענטניקעס און אין די קעלערס פון באַנק; דאָרטען, פערדוקט אין אַ ווינקעל, ליגסטו ווי אַ באַרג און גיבסט איבער דעם צרה׳דיגען פאַפירעל דיין מאַכט, וואָס זי, די פאַפירעל פערגרעסערט אין צווייען און אין צעהנען.

גאָלד, וואָס ריהרט זיך אַליין ניט פון אָרט פון פוילקייט און ברענגט אין בעוועגונג די גאַנצע וועלט, מיליאָנען מענשען פון דורי־דורות פאַלען אויף די קניע אין עניוות פאַר דיין גרויסקייט, וואָס פערבלענדט די אויגען.

שיק אַהונטער דיין געטליכע שכינה אויף די, וואָס גלייבען אין דיר, וואָס זענען מתפלל צו דיר, וואָס זענען קאַפּאַבעל צו בריינ־גען פאַר אַ קרבן — נאָר דיך צו האָבען — דאָס עהרען־געפיהל און דעם געוויסען, דעם כבוד פון לייטען און די ליעבע פון דער פרוי, און פון די איינענע קינדער, אויף די, וואָס ווערען אַפילו ניט אָבגע־שרעקט פון זעלבסט־פעראַכטונג.

* *

*

גאָלד, איבערשטער הער, וועלכער ווערט קיינמאָל ניט בעזיגט און איז דער זיעגער איבער אַלץ, דערהער אונזער געבעט;

דו, בויער פון שטעדט און פערניכטער פון מלוכות;

דו, פאַלאַר־שטערען פון זיטליכקייט;

דו, וואָס דו האַלסט די וואָג־שאָל פון יושר.

דו, וואָס דו שרייבסט פאַר די פעלקער געזעצען און שפּאַנסט איין אין דיין יאָך די רוימישע טאַטעס און די קיסרים, דערהער אונזער געבעט:

דו, וואָס דו לערנסט אויס דעם תלמיד חכם ווי צו פעלשען

די וויסענשאַפט, וואָס דו קענסט איבערצייגען די מאַמען צו פֿער־קויפען די אונשולד פֿון איהר טאָכטער און צווינגען דעם פרייען מענשען אָנצונעהמען די שקלאַפֿערײַ פֿון פֿערדוונגענער אַרבייט, דער־הער אונזער געבעט;

דו, וואָס דו קויפסט אָב די משפטים פֿון דעם ריכטער און די שטימען פֿון דעם דעפּוטאַט, דערהער אונזער געבעט.

דו, וואָס דו פּראָדוצירסט בלומען און פּרות, וואָס די נאַטור ווייס פֿון זיי ניט.

וואָס דו פֿערזייסט שלעכטע מדות און גוטע מדות;

וואָס דו ברייִנגסט אַרויס אַלערליי קונסטען און לוקסוס, דערהער אונזער געבעט;

דו, וואָס דו פֿערלענגערסט דאָס אוננוצליך לעבען פֿון פּוסט־און־פּאַסניק און פֿערקירצט די טעג פֿון האָראָפּאַשניק, דערהער אונזער געבעט;

דו, וואָס דו שמייכעלסט צום קאַפּיטאַליסט, ווען ער ליגט נאָך אין וויגעלע, און פלאָגסט דעם פּראָלעטאַריער, ווען ער איז נאָך אין דער מאַמעס בויך, דערהער אונזער געבעט;

*

* *

גאָלד, וואָס דו ווערסט קיין מאָל ניט מיעד אַרומצורייזען, וואָס האָסט ליעב צו שווינדלען און צו בעריידען, הער אויס דעם קול פֿון אונזער תפלה;

טאָלמאַטש פֿון אַלע לשונות,

דוכגערייבענער סרסור,

בעל־נסיון, וואָס מען קאָן זיך פֿון דיר ניט אָבטשעפּען,

מאָס פֿון מענשען און זאַכען, הער אויס דעם קול פֿון אונזער תפלה.

שליח פֿון שלום און דער ממונה אויף מחלקת,

פֿאַנאַנדערטהיילער פֿון רוה־צייט און איבער־אַרבייט,

דו, וואָס דו שטופּסט אַרויף דעם מענשען אויפ'ן וועג פֿון גוטע מדות און פֿון אויסגעלאַסענהייט, הער אויס דעם קול פֿון אונזער תפלה.

גאָלד, וואָס מען לאָזט אויס צו דיר די תוכחה און וואָס מען בעט

צו דיר אין אַלע תפלות, וואָס עס גיבען דיר אָב כבוד קאַפּיטאַליסטען און קורטיזאַנקעס — הער אויס דעם קול פון אונזער תפלה.

פאַנאַנדערגעבער פון גוטס און יסורים,

אומגליק און פרייד פון די מענשען,

רופא פון קראַנקהייטען און טרייסטער פון שווערע הערצער, הער אויס דעם קול פון אונזער תפלה.

דו, וואָס דו האָסט פערכּשפ׳ט די וועלט און אַראָבגעפיהרט פון וועג דעם מענשען׳ס געדאַנק,

דו, וואָס דו מאַכסט שיין אַ מנובל און אַ אומגעלומפערטען,

טרעגער פון כבוד פון דער גאַנצער וועלט, וואָס דו רופסט אַרויס אכטונג צו אַלצדינג, וואָס האָט קיין בושה און קיין חרפה ניט, און מאַכסט מהושב׳דיג גנבה און קורטיזאַנקעס, הער אויס דעם קול פון אונזער תפלה.

* * *

דו, וואָס דו בעדעקסט אַ פיינלינג מיט פערעהרונג, וואָס עס קומט דעם כוואַט;

וואָס דו רינגעלסט אַרום אַ פאַסקודנע מיאוסקייט מיט פערגעטערונג, וואָס עס קומט דער שיינקייט;

וואָס דו שיינקסט דעם אַלטען ליבע, וואָס עס קומט דעם יונגען;

פערבּיסענער מכשף, הער אויס דעם קול פון אונזער תפלה.

טייוועל, וואָס רופט אַרויס מאָרד און משוגעת, הער אויס דעם קול פון אונזער תפלה.

פאַקעל, וואָס בעלייכט די וועגען פון לעבען,

פיהרער, בעשיצער און רעטער פון קאַפּיטאַליסטען, הער אויס דעם קול פון אונזער תפלה.

גאָלד, מלך הכבוד, די זון פון גערעכטיגקייט;

גאָלד, פעסטונג און פרייד פון לעבען, דו פיעל-בערימטעס גאָלד, געה אַרונטער צו אונז.

גאָלד, זיסקייט פון די קאַפּיטאַליסטען און מרור פון די אַרבייטער געה אַרונטער צו אונז.

שפּיגעל פון תענוגים,

דו, וואָסט דו גיבּסט אַוועק דעם ליידיגעהער די פרוכט פון אַרבּייט, גיעה אַרונטער צו אונז.

דו, וואָס דו פּילסט אָן די קעלערס און די שפּייערס פון די, וועלכע גראָבּען ניט קיין ערד, שניידען ניט אַרום די צווייגען פון וויינגאָרטען; פון די, וועלכע אַקערען ניט, שניידען ניט די זאַנגען, גיעה אַרונטער צו אונז.

דו, וואָס דו קאָרמעסט מיט פלייש און פיש די, וועלכע פאַשען ניט קיין פיה, שרעקען זיך ניט פאַר׳ן שטורעמווינד פון ים, גיעה אַרונטער צו אונז.

דו, וואָס דו בּיסט די מאַכט, און די קענטניס, און דער פּערשטאַנד פון די קאַפּיטאַליסטען, גיעה אַרונטער צו אונז.

דו, וואָס דו בּיסט די צדקניות און כּבוד, די שענקייט און עהרע פון די קאַפּיטאַליסטען, גיעה אַרונטער צו אונז.

אָה, גיעה אַרונטער צו אונז, פּערפיהרערישעס גאָלד, העכסטע האָפנונג, אָנהויב און אויסלאָז פון איטליכער קאַפּיטאַליסטישער האַנדלונג, נעראַנק און געפיהל. אָמן סלה.

VII. די קינות פון דעם קאַפּיטאַליסט

איוב ראָטשילד

קאַפּיטאַל, גאָט מיינער און העררר מיינער, פאַר וואָס האָסטו מיך פערלאָזען? מיט וואָס האָב איך געזינדיגט, וואָס דו האָסט מיך אַרונטערגעשליידערט פון דעם טהרועם פון אייגענטהום און שטיקסט מיך מיט דער שווערקייט פון אַ שרעקליכען דלות?

צו האָב איך דען ניט געלעבט, ווי דו האָסט געבאָטען? מיינע מעשים זענען דען ניט געווען גערעכטיג און געזעצליך? קאָנסט מיר דען אויפוואַרפען, אַז איך האָב ווען ניט איז אַיינגעטונקט אַ פינגער אין קאַלטען וואַסער? איך האָב זיך דען ניט געבּאָדען אין אַלע וואָהלטאָגען, וואָס מיינע מיליאָנען און מיינע געפיהלען האָבען מיר ערלויבּט? איך האָב דען ניט געצוואונגען צו אַרבּייטען טאָג און נאַכט מענער, פרויען און קינדער, בּיז וואַנען זיי זענען געבּליבּען אָהן כּחות? איך האָב זיי דען ניט געצאָהלט קיין קבצנישע שכירות? און האָט זיך דען האָטש איין מאָל אין לעבען אַ צאַפּעל געטאָהן מיין האַרץ פון רחמנות, ווען איך האָב אָנגעקוקט דעם דלות און די פערצווייפלונג פון מיינע אַרבּייטער?

קאַפּיטאַל, נאָט מײַנער, איך האָב געפּעלשט די סחורה, וואָס איך האָב פערקויפט, ניט זאָרגענדיג דערפאַר, אַז איך פער'סם דערמיט די פערבּרויכער; איך האָב געשונדען די הויט פון די לײַכטזיניגע נגידים, וועלכע האָבען געלויבּט מײַנע רעקלאַמעס.

איך האָב געלעבּט מיט'ן אײַנציגען צוועק צו האָבּען אַ גוטען טאָג און ווערען רײַך; און דו האָסט געבּענשט מײַנע וועגען, וואו עס איז קײן שום פּנימה ניט געוועזען, און מײַן לעבּען, וואָס מען האָט זיך גע־קענט פון איהם אַ מוסר אָראָבּנעהמען; דו האָסט מיר געשאָנקען פרויען, קינדער, פערד, דינסטען, פערגניגענס פאַר'ן גוף, און האָסט אָנגעזעטיגט מײַן גאוה.

און אָט האָב איך אַלץ אָנגעוואָרען, אַלץ ביז אײן ברעקעלע, און בין געוואָרען אַ שלעפער.

מײַנע קאָנקורענטען זענען מלא שׂמחה, וואָס איך בין רואינירט געוואָרען, און מײַנע גוטע ברידער קעהרען אָב דעם קאָפּ, ווען זײ בּעגעגענען זיך מיט מיר; זײ ווילען מיר אפילו ניט געבען קײן עצות, וואָס טויגען אויף כּפּרות, זײ וואַרפען מיר אפילו קײן זאַך ניט אויף: כלומר'שט זײ קענען מיך נישט. מײַנע געליבּטע פאָהרען אַרום אין קאַרעטעס, געקויפט אויף מײַן געלד, און פערשפּריטצען מיך מיט בּלאָטע.

דער דלות האַלט מיך אין זײַנע צוואַנגען, האָט מיך אַרומגעמויערט מיט ווענד ווי אין אַ געפענגניס און מיך אָבּגעטהײלט פון די איבּעריגע מענשען. איך בין עלענד, און הושך איז אין מיר און אַרום מיר.

מײַן ווײַב האָט ניט קײן געלד, מיט וואָס זיך צו שמירען און פאַרבען די באַקען, און איך זעה איצט, ס'אַרא גרויסע מיאוסקײַט זי איז. מײַן זוהן, וועלכער איז ערצויגען געוואָרען אַרומצוגעהען פּוסט־און־פּאַס, פערשטעהט ניט אַפילו, ווי טיעף מײַן אומגליק איז — אַזאַ פּרא אָדם איז דאָס! מײַן טאָכטער פערגיסט טײַכענווײַז טרערען, און די האַרץ רײַסט איהר אויס, וואָס זי האָט פריהער ניט התונה געהאַט.

אָבער וואָס האָט פאַר אַ פּנים דער קלאָגען פון מײַן ווײַב און קינדער אין פערגלײַך מיט מײַן צרה? דאָרטען, וואו איך האָב געהערשט ווי אַ מלך, ניט מען מיר איצט האַלז און האַקען, ווען איך קום בעטען אַ שטעל.

מײַן הורבה איז בּלאָטיג, ניט אויפגעקליבּען, פול מיט מיסט; מײַן לײַב וואָס עס איז צובּראָכען, צושטאָכען און צוקראָכען — פון דעם האַר־טען בעט, פון די וואַנצען און די איבעריגע קלײנע היל, געפינט ניט קײן

רוה; מײַן מה ווייס ניט פֿון קיין שלאָף, וואָס מאַכט פֿערגעסען די צרות.

אוי, ווי גליקליך עס זענען צו אַ די שלעפֿער, וועלכע האָבען אין זייער לעבען גאָר ניט געוואוסט אַ הויך אָרעמקײַט און שמוץ, זיי פֿערשטעהען ניט דעם טעם פֿון גוטע אײַדעלע זאַכען, זיי האָבען אַ פֿער-גרעבטע הויט און אָבגעטעמפּטע חושים, און עס קערט זיי קיין מאל ניט די גאַל.

פֿאַר וואָס האָסטו מיר געלאָזען פֿערזוכען דעם טעם פֿון גליק און דערנאָך האָסטו מיר איבערגעלאָזען ניט מעהר ווי אַ'ן אָנדייַנקונג, וואָס ברענט דעם מה נאָך מעהר ווי אַ הוב, וואָס מען מאַכט ביי שפּילען אין קאָרטען?

אוי, גאָט, כאַל'ט איך בעסער געבאָרען וועָרען אין דלות, אײַדער איך זאָל אויסוואַקסען אין עשירות און איצט פֿוילען אין דלות.

צו וואָס קען איך נעהמען אויף צו פֿערדינען אויף מיין קלאָגעדיגע היונה?

מיינע הענד, וועלכע האָבען נאָר געטראָגען רינגען און גע-ציילט באַנק-פּאַפּירען, קענען ניט האַלטען קיין געצייג. מיין מאַרך, וואָס האָט בלויז געזוכט מיטלען ווי אַזוי אַרויסצודרעהען זיך פֿון אַרבייט, ווי אַזוי אויסצורוהען זיך פֿון די שטענדיגע תענוגים, ווי אַזוי צו פֿערברייגנען אָהן לאַנגווײַליגקייט די ליידיגע טעג, אָט דער מאַרך קאָן מיר ניט שאַפֿען די נויטיגע אויפמערקזאַמקייט, מיט וועל-כער מען דאַרף שרייבען אותיות און צונויפשטעלען השבונות.

אָבער ווי קען דאָס זיין, גאָט, אַז דו זאָלסט מיט אַזאַ אַכזריות בעשטראָפען אַ מענשען, וועלכער איז קיינמאָל ניט עובר געווען אויף דיין געבאָט?

גרויזאַם איז דאָס, אומגערעכט, אוממאָראַליש, וואָס איך האָב פֿערלוירען דאָס גוטס, וואָס איז אָנגעקליבען געוואָרען דורך שווערע פּראַצע פֿון אַנדערע.

די קאַפּיטאַליסטען, מיינע גענאָסען, זעהענדיג מיין אונגליק, וועלען פֿון איצט-מאָל אָן וויסען, אַז דיינע הסדים זענען ניט אייביג, אַז דו טיילסט זיי פֿונאַנדער גלאַט אין דער וועלט אַריין און נעהמסט זיי אַוועק אָהן אַ שום טעם.

ווער וועט וועלען גלויבען אין דיר?

וועלכער קאַפּיטאַליסט וועט זיין אַזאַ תּקיף בּיי זיך, וועט האָבּען אַזוי ווייניג שׂכל, אַז ער זאָל אָננעהמען דיין געבּאָט, ס'הייסט זיך אָבּ־געבּען צוּ פוילקייט און צוּ אַלע מיני פערגעניגענס, בּעת די צוּקוּנפט איז אַזוי ניט זיכער, אַזוי מוֹרא'דיג, בּעת איין לייכטער בּלאָז פוּן אַ ווינטעל אויף דער בּערזע איז בּיכולת אוּמצוּוואַרפען די סאַמע פער־זיכערטע פערמעגענס, בּעת קיין זאַך שטעהט ניט שטייף אויף די פיס, בּעת דער היינטיגער גביר קען מאָרגעדיגען טאָג אַוועקגעהן מיט דער טאָרבּע?

די מענשען וועלען דיך פערשעלטען, גאָט־קאַפּיטאַל, זעהענדיג מיין שפלוּת; זיי וועלען נעהמען לייקענען דיין מאַכט, ווען זיי וועלען אויסרעכענען, ווי טיעף איך בּין געפאַלען, זיי וועלען זיך אָבּזאָגען פוּן דיינע הסדים.

פוּן דיין כּבוֹד וועגען, בּריינג מיך ווידער אין מיין פריהערינע לאַגע, נעהם אַראָבּ פוּן מיר די פעראַכטוּנג, וויל מיין האַרץ איז אָנגעפוּלט מיט גאַל און האַס, און קללות רייסען זיך בּיי מיר פוּן מויל.

גאָט אָהן אַ האַרץ, אָהן אויגען, אָהן פערשטאַנד, היט זיך, אַז בּיי די רייכע זאָלען סוֹף כּל סוֹף ניט עפענען זיך די אויגען און זיי זאָלען ניט דערזעהן, אַז זיי זענען פערנאַרעשט און געהען אַרוּם בּיים בּרעג פוּן אַנ'אָבּגרוּנד; ציטערען דאַרפסט דוּ, זיי זאָלען דיך אַהין ניט אַריינוואַרפען צוּ פערשיטען דעם אָבּגרוּנד מיט דיין קערפער, זיי זאָלען ניט צוּשטעהן צוּ די קאָמוּניסטען, כּדי דיך צוּ פערניכטען.

אוי, ווי איך זינדיג מיט מיין צוּנג! גאָט אַלמעכטיגער, פערגיבּ מיר די דאָזיגע אוּנפאָרזיכטיגע רייד פוּן אַ רשע.

דוּ בּיסט דער הערשער, דוּ טיילסט פוּנאַנדער גנאָדען צווישען די, וואָס האָבּען זיי ניט פערדינט, און נעהמסט צוּ פוּן זיי, הגם זיי האָבּען זיך מיט קיין זאַך ניט פערזינדיגט פאַר דיר; טהוּ וואָס דוּ ווילסט, וויל דוּ ווייסט, וואָס דוּ טהוּסט.

דוּ דריקסט מיך פוּן מיין איינענער טוֹבה וועגען, דוּ שטראָפסט מיך, עס זאָל אַרויס פאַר מיר גוּפא אַ נוּץ.

דוּ, גאָט פוּן ליעבּע און צערטליכקייט, קעהר מיר אוּם דיינע

הסדים, דו בּיסט יושר, און אויב דו האָסט אויף מיר אויסגעגאָסען דיין גרימצאָרען, מסתמא האָב איך געזינדיגט, ניט חיסענדיג אַליין דערפון.

אוי ,גאָט, ווען דו וואָלסט מיר אָבּגעגעבּען צוריק מיינע עשי־רות, וואָלט איך זיך געגעבּען אַ נדר ניט אַריבּערצוטרעטען דיין געבּאָט. — איך וואָלט עקספּלואַטירט די אַרבּייטער נאָך שטאַרקער און אויף מעהר אופנים; איך וואָלט מיט מעהר געשיקטקייט בּעשווינדעלט די קונדען און מיט מעהר קונץ בּערויבּט די לייכטזיניגע.

איך בּין דיר טריי, אַזוי ווי אַ הונד איז טריי זיין בּעל־הבּית, וועלכער שלאָגט איהם. איך בּין בּיי דיר אין די הענד. וכן יהי רצון!

פערלאג „די וועלט".

עס זענען ארויס פון דרוק.

1) ה. פינסקי. — היינטיגע יונגע לייט [מאָנאלאג] . פרייז 1 קאפ.
2) „ „ — די פאמיליע צבי . „ „ „ 12 „
3) „ „ — ערב יום כפור „ „ „ } 2 „
4) ד. נאמבערג. — מען וועקט . . . „
5) פ. עזי. — צדקה (ערצעהלונג) „ . „ . 2 „
6) לעווין — אין א פינסטערע נאכט (ערצעהלונג) . . „ 2 „
7) ק. קאוטסקי. — דאס ערפורטער פראגראם. . „ „ 30 „
אין 6 העפטען, יעדעס העפט 5 קאפ.
8) ק. קאוטסקי. — קאנסום-געגאסענשאפטען „ . „ 6 „
9) פ. יושקעוויטש. — וועגען וואהל-רעכט „ . . . . 7 .
10) מ. דיקשטיין. — פון וואס איינער לעבט „ . „ . 5 .
11) מ. שיפעל. — די עקאנאמישע איבערקעהרנישען און די
ענטוויקלונג פון דער סאציאלדעמאקראטיע „ 5 „
12) . . קליינבירגערליכער סאציאליזמוס אויף'ן אידישען באָדען 4 .
13) פ לאַססאַל רעכט און קראפט (דער עיקר פון קאנסטיטוציע) 6 .
14) . די ארבייטער און די געזעלשאפטליכע קלאססען 8 .
(די ארבייטער פראָגראם)
15) . . . — ערצעהלונגען אויס דער געשיכטע פון דער
ערשטער פראנצויזישער רעוואלוציע„ . 6 .
16) בעללאַמי. — אין הונדערט יאהר ארום . . . 25 .

עס דרוקען זיך:

1) ק. קאוטסקי. — די סאציאלע רעפארמע . „ . „ .
2) — — אויף מארגען נאך דער סאציאלער רעפארם „
3) — — פרידריך ענגעלס (לעבענס בעשרייבונג) .
4) פ. לאפארג. — קארל מארקס (פערזענליכע ערינערונגען) „
5) קלארע צעטקין — די ארבייטערינען און די פרויען-פראגע . „
6) פ. לאפארג. — רעליגיאן פון קאפיטאל „ . „ .
7) *.* — — די מעשה פון פיער ברידער „ „ „ „
8) ק. מארקס און פר. ענגעלס. — דער מאניפעסט פון דער קאמוניסטישע פארטיי „ „ „ „ .
9) א. בעבעל — די פרוי אין דער סאציאליזם (אין העפטען) . „
10) מ. טערמאן. — רעליגיאן און קלאסענגעגענזאצען „ „ .
11) *.* — דער ארבייטסטאג . „ . . . .
12) ד. פינסקי. — אין משוגעים הויז (מאנאלאג) „ . „
13) א. טהון — די געשיכטע פון די רעוואלוציאנערע בעוועגונגען אין רוסלאנד „ . „ „ . .
14) ק. קאוטסקי. — קלאסען-אינטערעסען, בעזונדער-אינטערעסען און כלל-אינטערעסען „ „ . . . .
15) *.* — — — דער לעצטער קרבן „ . . .

די אדרעסע פון פערלאג:

Книгоиздательство „Ди Велтъ".

ВИЛЬНА

אַדרעסע פֿון פֿערלאַג:

Книгоиздательство „ДИ ВЕЛЬТЪ“

ВИЛЬНА.

עס דרוקען זיך:

1) ק. מארקס און פר. ענגעלס—דער מאניפעסט פון דער קאָמו-ניסטישער פארטיי
2) ד. פינסקי—אין משוגעים-הויז (מאָנאָלאָג)
3) ק. קאוטסקי—קלאַסען אינטערעסען
4) ק. קאוטסקי—פרידריך ענגעלס (לעבענס בעשרייבונג)
5) ***—א מעשה פון פיער ברידער
6) ק. קאוטסקי—די סאָציאלע רעפאָרמען און די סאָציאלע רעוואָלוציאָן
7) ק. קאוטסקי—אויף מאָרגען נאָך דער סאָציאלער רעוואָלוציאָן
8) ***—צו דער געשיכטע פון דער בעלגישער ארבייטער-בעוועגונג
9) פאול לאפארג—רעליגיאָן פון קאפיטאל
10) מ. טערמאן—רעליגיאָן און קלאַססען-געגענזאַטצען
11) א. טהון—די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין רוסלאַנד
12) פאול לאפארג—קארל מארקס. פערזענליכע ערינערונגען
13) אנרו—די קרבנות פון דער קאָמונע
14) נעמאינסקי—די פאריזער קאָמונע פון 1871 יאָהר
15) א. בעבעל—די פרוי און דער סאָציאליזמוס

די אדרעס פון פערלאג:

Книгоиздательство „ДИ ВЕЛЬТЪ", Вильна.